די ליטעראַריש קינסטלערישע מלוה מלכה אין דין סטריט סינאַגאָגע מיט דער באַטייליגונג פון רבי פויזנער, חזן רעוו ל. בריל און דער עיקר מיט די רעפעראַטן פון בן־א סאָכאַטשעווסקי, י. ח. קלינגער איז געווען אַ גרויסער דערפאלג. בלויז ווי קומט די ממש, אַנטי יידיש רעדע אין ענגליש פון דוד קאַסאָוו, אַריין אין אַזאַ מין אָוונט ? דעם פאָרזיץ האָט געפירט רעוו א. עמיעז.

ביי דער פרויען סעקציע ביי אַרבעטער־רינג, אויף א געזעלשאַפטלעכן אָוונט, האָט אייזיק גאָלדבערג פאַרגעלעזן אַ סעריע לידער פון די לאָנדאָנע יידישע פאָעטן, מיט וועלכע ער האָט גאָר שטאַרק אויסגענומען.

מ. זוסמאַן, דער אַמאָליקער באַקאַנטער לאָנדאָנער יידישער פאַרלערגער און טעאַטער־מענעדזשער איז געשטאָרבן.

ביי דער גענעראַל־פערזאַמלונג פונם ייוו״אָ אין לאָנדאָן האָבן זיך נאָך די באַריכט־רעדעס פון מיכאל זילבערבערג, א. פאָדאָלסקי, יוסף פרענקל און דר. אהרן שטיינבערג ענטוויקלט אַ הייסע דיסקוסיע מכוח דעם ווייטער אָנגיין פון ייוו״אָ אין לאָנדאָן. דעם פאָרזיץ האָט געפירט א. מ. קייזער. עס איז אויסגעוועלט געוואָרן אַ נייער און פארגרעסערט קאָמיטעט.

שמואל ווהייט גרייט צו אַרויסצוגעבן אַ בוך פון זיינע לעצטע געשריבענע לידער.

עס איז דערפרייענדיק וואָס אין די זונטיק־נאָכמיטאָג קאָנצערטן אין „רידינג־רומס", האָבן זיך לעצטנס באַטייליקט „דער לאָנדאָנער מענער כאָר" און זמרה אורנת מיט יידישע און העברעאישע לידער.

צווישן די לעצטע פאָרטראַגן אין „רידינג־רום" האָט פריינט סאַרנאָ גערעדט איבער איניקומס און אַנטיקוואַר ביכער. און מ. מאַליץ וועגן קאָמישע גט־עפיזאָדן אין דער געשיכטע פון ענגלישן יונדטום.

ברכה קאָפשטיין, די פאָעטעסע פון ישראל, איז אויפגעטרעט מיט א רעפעראַט און געלייענט ישראל לידער אויף אַן אָוונט איינגעאָרדנט פון יידישע אַגענץ, יידישער וועלט קאָנגרעס און שרייבער און זשורנאַליסט פעראיין. דער גאַסט איז באַגריסט געוואָרן פון חברים, דעם פאָרזיץ האָט געפירט א. מ. קייזער. די דיכטערין איז אויך אויפגעטרעטן ביים יידיש ליטעראַשין שבת נאָכמיטאָג ווו זי איז באַגריסט געוואָרן פון רחל דאָניאַך. עלי זילבערג, י. א. ליסקי און י. ביעטש. אויך ביי דר. מייטליס איז פאר ברכה קאָפשטיין איז געווען אַ מסיבה פון חברים לכבוד דעם גאַסט. ביי די חנוכה־אָוונטן ביי די פועלי־ציון און אויך אין הויז פון פריינט יאַנג האָט ברכה קאָפשטיין געלייענט אירע לידער.

לכבוד שמואל ווהייטס, 50 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט איז אין הויז פון בן־אַ און פרוי סאָכאַטשעווסקי געווען אַ מסיבה פון חברים. ווו דאָס אַקטיאָרן פארל סעם גאָלדבערג און אַלין ווינאָגראַד האָבן רעציטיר און געזינגען ווייהטס לידער. צווישן אַנדערע האָבן דעם פאָעט באַגריסט א. מ. קייזער, י. ריכטיקער, שלמה אויערבאַך, בן־א. סאָכאַטשעווסקי האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

אויף דעם מענדעלע־פרץ־אָוונט אין בן אורי האָבן געלייענט י. ביעטש, מנשה ווייסגראַז, וו. פאָדאָלסקי. דער באַקאַנטער אַקטיאָר יודל גאָלדבערג האָט געמאַכט אַ סצענע פון „די גאָלדענער קייט" און גאָר שטאַרק אויסגענומען.

אינם „ברענס טראַסט" איינגעאָרדנט לעצטנס פון דער איסט־ענד סעקציע ביים יידישן וועלט קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט, א. חנן, שלמה אויערבאַך און בן־א סאָכאַטשעווסקי. די טעמא איז געווען יידישקייט אין לאָנדאָן. פאָרזיץ יוסף פרענקל.

## פריינט פון יידיש לשון — וועסט-ענד-בראַנזש

זונטיק דעם 2־טן פעברואַר, 4 אַזייגער דין־סטר. 21, וו.1.

## א שבת-שירה און חמישה-עשר-בשבט פייערונג

אַ ליטעראַרישע אונטערהאַלטונג ביי געדעקטער טישן.

## ליטעראַטור-אָוונטן — בן אורי גאַלעריע, פאָרטמען סטר., 14 וו.1.

זונטיק, דעם 19־טן יאַנואַר, 8 אַזייגער

## פארלעזונגען פון שלום עליכמס הומאָרעסקעס

זונטיק דעם 9־טן פעברואַר — א שלום אַש אָוונט



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 317)     ניינצנטער יאָרגאַנג     פעברואַר 1958 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

„ומדבר כלשון עמו", ערב דעם שלום־עליכם־יאָר ..... ** 1
אַ פורים־חלום (ליד) ..... עלי זילבערג 3
פון אַמאָל אין די שטעטלעך (ליד) ..... ש. זאַלקין 4
אין די דריי וואָכן (דערציילונג) ..... ל. רעזניק 4
פורים־צייט, א פורים־רב־ליד א. א. לידער ..... א. נ. שטענצל 9
ראָשעל (די גרעסטע וועלט־טראַגיקירין צו איר הונדערטסטן יאָרצייט) א. מייזעלס 14
יידישע פילאָסאָפיע און טראַדיציע (3־טער קאַפּיטל: די תורה און אירע מפרשים) ..... י. ריכטיקער 23
עטלעכע אויפקלערונגען וועגן „אַ קיצור איבער דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור" ..... א. א. ראָבאַק 28
ביאָגראַפישע נאָטיץ ..... דאָראָטעאַ קרוק 31
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ..... 32
יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ..... 32

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאָמענט־פרייז: —26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד: —8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: —
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## פריינט פון יידיש לשון

גראַנדיעזער

## פורים באַל

(טאַנץ און געשמאַקער צובייסן, המן־טאַשן און שלח־מנות; טאָמבאָלא)

אין דער אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

## שבת, 8־טן מערץ

איינטריט 5 שילינג 6 פעניס     אָנפאַנג, 7.30

## יידיש א פרעמדע שפראך אין ישראל

### די רעזאלוציע פון „פריינט פון יידיש לשון" אין לאנדאן

אויף דער יערלעכער פארזאמלונג וואס די „פריינט פון יידיש לשון" האבן געהאלטן אין די אדלער האל זונטאג, דעם 26־טן יאנואר 1958 איז די פאלגענדע רעזאלוציע אנגענומען געווארן:

„נעמענדיק אין באטראכט דעם פאקט אז א גאר גרויסע צאל פון דער באפעלקערונג אין ישראל רעדן יידיש, האפן מיר — די פריינט פון יידיש לשון — אז די ישראל רעגירונג וועט טון אלעס מעגלעכעס צו אנערקענען יידיש ווי א צווייטע לאנד שפראך און נישט באטראכטן זי ווי א פרעמדע שפראך".

עס איז אויך באשלאסן געווארן אז די רעזאלוציע זאל געשיקט ווערן צום ישראל אמבאסאדאר און צו דער יידישער פרעסע אין לאנדאן. אין א תשובה פון אמבאסאדאר ווערט דערקלערט אז די רעזאלוציע ווערט איבערגעשיקט צו דער ישראל רעגירונג. די „דזשואיש קראניקל" האט די רעזאלוציע פאר עפענטלעכט. די רעדאקציע פון דער „אידישער שטימע" דערקלערט, אז זיי האבן די רעזא־לוציע נישט דערהאלטן...

סעקרעטאר פון פריינט פון יידיש לשון, **משה בעקערמאן**

### דער ענטפער פונם ישראל אמבאסאדאר

EMBASSY OF ISRAEL

שגרירות ישראל

לונדון,
י׳ בשבט תשי״ח
31 בינואר 1958
אא/75

לכבוד
מר מ. בקרמן,
לונדון.

מר בקרמן הנכבד,

הנני מאשר בתודה את קבלת מכתבך מיום 27 בינואר המביא את ההחלטה שנתקבלה באספת „שוחרי האידיש" ב־26 בחודש. העברתי תוכנה לידיעת ממשלתי.

בכבוד רב ובברכה,
א. אילת

---

**פריינט פון יידיש לשון**

אין בן־אורי־גאלעריע פארטמען סטר. 14 וו.1.
זונטיק, דעם 23־טן מערץ, 8 א זייגער
**יידישער וויץ, סאטירע און הומאר**

---


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 317) | ניינצנטער יארגאנג | פעברואר 1958 לאנדאן


## „ומדבר כלשון עמו"

אדאפטירנדיק די אייזענהאוער־אדענהאוער דאקטרין, די אייזערנע קאנ־סעקווענץ פון אן אין־ברירה פאליטיק פון שלומים־און שלום־געלדער, האט ישראל דערגרייכט, אז דייטשלאנד לערנט איצט א קאפיטל מאראל אין עטיק מיט ישראל־דיפלאמאטן... אזא פורים־פנים האבן מיר שוין!

אפנים, אז מיר האלטן ערשט ביים ערשט קאפיטל פון דער מגילה, ווו די „האוערס", די המן־שלעגערס, קריגן די גרויסע מאכט איבערן מלך אחש־ורוש, ווו זיין הויף־פאליטיק הויבט זיך אן אזוי העראיש כפל־שמונהדיק, מיט זיין סוף־פסוק פריקאז: „ולהיות כל איש שורר בביתו ומדבר כלשון עמו".

ווי אנהערש איז צו פערשטיין אזא מין היפער פאטריאטיש געזעץ אין א יידישער מדינה, אז דאס לשון פונם מזרח אייראפעאישן יודנטום, פון דער יידישער גרויסער ליטעראטור, דאס מאמע לשון אפילו פון דער מאדערנער העברעאישער ליטעראטור, זאל אפיציעל צוגערעכנט ווערן צו די פרעמדע שפראכן; ווי אנדערש איז דאס צו פארשטיין, אזא יידל־לאגישע דיסקוסיע, ווו דער ראש המדינה דריקט זיך אויס: אז אינזער געשיכטע מוז איבערגעריסן ווערן און מוז צוריק אנגעקניפט ווערן אין די צייטן פון יהושע בין נון?

ס׳איז פאלג מיך א גאנג! אפנים, אז פון אתחלתא־דגאולה, ווי מיר אלע גלויבן, אז מדינת ישראל איז עס, ביז צום באפרייטן פריילעכן־דערפרייטן, דע־מאקראטיש בציבורהדיקן אויסגעשריי: „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר", — ווען צו די יידן האט מען אויך געשריבן „לויט זייער כתב און לויט זייער לשון"! — איז נאך א לאנגער וועג.

די לאגיק פון אזא צוגאנג איז קורץ און שארף: ווער עס וויל זאל קומען אין יידישן לאנד אריין; דאס ביסל גלות־העברעאיסטן וועט מען נאך ווי נישט איז דערטראגן; דאס יידישיסטישע ערב־רב אבער זאל זיך וואס שנעלער אסימילירן — א מלוכה פון 2 מיליאן בירגער קאן נישט דערטראגן א הויקער פון 10 מיליאן גלות־יידן אין די תפוצות. א ראש המדינה טאר נישט זיין סענטימענטאל, ער מוז זיין אויסגעהאלטן און לאגיש.

און נאך קאנסעקווענטער: אסימילאציע מיליאנערן, כדי אויסצומיידן דעם צופלוס פון יידיש ריידענדיקע פליטים און פאטענציעלע יורדים אין זייערע מדינות לאזן זיך קאסטן אסטראנאמישע געלדער — מיט ק״ק־און רבי מאיר בעל הנס פושקעס קאן מען נישט אויסהאלטן א מאדערנעם מלוכה־בודזשעט פאר אטאם כלי זיין און ראקעט־סאטעליטן.

און יידיש, די יידישלעכע מיסטישקייט, דער מאמעדיקער פאלקלאר, וואס

קלעבט לעבעדיק צונויף מיליאָנען גלות ייִדן ווי אַ מין פּראָטאָפּלאַזמע, צום טראָץ פון אַלע עמאַנציפּאַציעס? יאָ מען וועט זיי איינשפּאַנען די פאַנאַטיקער, די ראָמאַנטיקער פון איין זייט און די צבועים און געלד־און כבוד־זוכער פון דער אַנדערער זייט און מיט ייִדיש טאַקע, מיט זייער אויגן כלי־זיין — צעשטערן ייִדיש...

לאַגיש! אייזן!!

שיעור כאַפּט זיך נישט אַרויס אַ ישׂראל־פּאַר שכורטער, אַ לאַגיש־פּורים־דיקער עד־דלא ידע גראַם: אַ ברכה אויף אונזערע לאַגישע קעפּ, אויב מיר וועלן עס באַווייזן.

## ערב דעם שלום עליכם יאָר

אין די קומענדיקע חדשים, נאָך פאַרן קומענדיקן פּורים, וועט די וועלט פייערן דעם 100'טן געבוירן יאָר פונם גרעסטן הומאָריסט פון דער וועלט־ליטעראַטור אין אונזער יאָר־הונדערט — פון שלום עליכמען.

איז וווּ איז די לאָגיק דערפון וואָס דאָס טרויעריקסטע פאָלק פון דער וועלט אין אונזער יאָר־הונדערט, זאָל האָבן אַרויסגעגעבן דעם גרעסטן הומאָריסט?

איז אָט, טאַקע אין דעם איינעם דאָזיקן וואָרט: לאָגיק! שטעקט דער סוד פונם שלום עליכם פאָרמול: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן".

ווען צעלאַכט זיך אַ מענטש? ווען עס גייט קייגן דער לאָגיק, וואָס ער האָט מיט זיכערקייט אָנגענומען, אַז ס'מוז אַזוי זיין, ווי דער דרך העולם האָט אָנגענומען. איז עס נישט צום לאַכן? ס'איז דאָך ממש אַ חוזק, צום פּלאַצן פאַר געלעכטער: גייט אַ מענטש אויפן גלייכן וועג און פאַלט; אפילו ווען דער פאַל ווערט טראַגיש, ווירקט ער קאָמיש און מען שמייכלט קלוג אין זיך אַריין.

דערפאַר קאָן נאָר לאַכן דער מענטש — די בריאה וואָס פאַרמאָגט לאָגיק.

אַ הונט קאָן זיין קלוג, אַ קאַץ קאָן האָבן שכל, אַ בהמה קאָן זיין אַ חכמת, אפילו א חזיר איז חריפיש־כיטרע, אָבער נאָר דער מענטש קאָן זיין לאָגיש.

דערפאַר האָבן מיר, דאָס לאָגישסטע פאָלק פון אַלע פעלקער, וואָס אַלץ ביי אונז גייט דווקא אַזוי פאַרקערט, זוכה געווען צו האָבן דעם גרעסטן הו־מאָריסט פונם 20־טן יאָר־הונדערט.

איז די תורה נישט דאָס לאָגישסטע ספר פון דער מענטשהייט? אַלץ איז דערין אַזוי קלאָר: די באַשאַפונג, די געזעלשאַפטלעכקייט; אַלץ איז דערין אַזוי געזעצלעך־לאָגיש ווי גאָט אין הימל און דער מענטש אויף דער ערד.

די נביאים זיינען די באַהיטער פון דער גלייכער ליניע: „קו לקו צו לצו — — —" זיי קעמפן מיט מלכים: „יקוב הדין את ההר".

מען לאַכט נישט אינם תנ"ך, אינם לאָגישסטן ספר פון דער וועלט.

וואָס פאַר א פּנים וואָלטן מיר געהאַט, ווי וואָלט אונזער לאָגיק אויסגע־האַלטן, ווען תילי תילי הלכות, וואָס זיינען ווי „הרים התלויים בשערה" בלייבן



נישט הענגען אויף אַ האָר? יאָ געשפּאָלטן האָבן מיר יעדע האָר, אָבער נישט זי געבראָכן...

ווילאַנג אַ ליניע גייט גלייך, גייט זי ביד־חזקה, הייבט זי זיך אָן צו ברעכן האָט זי אַפּנים פון חוזק. וואָס איז דען אַ קאַריקאַטור, אַ בורלעסקע? אַ פאַרט־רעט געצייכנט מיט געבראָכענע ליניעס.

לאַנג, לאַנג האָט עס געמוזט נעמען ביז מיר האָבן מגידיש שכלדיק גענומען שמייכלען אין דער ייִדישער באָרד אַריין, מיט אַ רבא בר בר חנא גוזמא.

ווילאַנג האָט עס געמוזט דויערן צומאָל ביז אַ באָקאַטשיאָ, אַ סערוואַנטעס האָט נישט מורא געהאַט אַ לאַך צו טון, נישט צו פאַרלירן די סענטימענטאַלע מאַדאָנע טרער פונם לאָגאָס־וואָרט?

טויזנט יאָר האָט גלייכווערטלדיקער פאָלקלאָר געבראָקלט און געפּיצלט האָרץ און מוח מיט תלמיד חכמדיקן שׂיחת־חולין מיט רביש הלצהלה, מיט אַלט־פרענקיש באַבישי וויצעלע — —

האָט שוין מענדעלע גענומען זען אונזערע געבראָכענע רוקן־ליניעס, דורך זיינע פּיקחותדיקע שפּאַקולן, און פּרץ שמייכלען אין זיינע לאָגישע וואָנסעס אַריין. און אין קומענדיקע חדשים, נאָך פאַרן קומענדיקן פּורים וועט די וועלט פייערן דעם גרעסטן הומאָריסט פון אונזער יאָר־הונדערט — שלום עליכמען.

עלי זילבערג

## א פּורים חלום

(געווידמעט פרוי טיללי שטערן)

אַ געררויש, א געטומל, געשריי און געוויין,
א באַפעל איז געגעבן פאַר איצן צו גיין,
פאַרלאָזן פאַרמעגן, דאס לאַנד און דאס הויז,
אַ באפעל איז געגעבן, אידן ארויס!

„וואו זיינען די קינדער, די אייניקלעך מיין!
וואו זיינען די פּיצאלעך" איך פאַנג אָן צו שרייען.
און מענשן זיי לויפן פאַרשראָקן און בלאַס,
א רויש א געטומל, אף דער אידישער גאַס.

ארום זיך מיינע קינדער אלע פאַרקליבן,
איצט מוזן מיר לויפן, פיל צייט ניט פאַרבליבן,
גיין! נאר וואוהין! ווער וויל אונז דען האבן?
עס וואַרטן די שונאים אונז נאר צו באַגראבן.

אין מעריב, אין מזרח, אין צפון אין דרום,
אומעטום אונז געשניטן, מיליאנען פאַרלאָרן,
געזוכט האט דער שונא אונזער דור אויסצוראָטן.
זייט טויזענטע יאָרן. געברענט און געבראטן,

איך ווארף מיר אין שרעק, איך וואך אויף פון שרייען,
איך ציטער פאר מורא, נאר באלד נעם איך מיך פרייען.
עס איז נאר א חלום א וויסטער געווען,
דאס זאל צו די המנס, און היטלערס געשען.

מיר וועלן ניט ליידן מער קנעכטשאפט און פיין,
מיר האבן א לאנד איצט, וואו מיר קענען גיין,
ישראל זי שפרייט אירע ארעמס פונאנדער,
און נעמט אויף מיט פריידן די אייביגע וואנדרער.

## ש. זאלקין

### פון אמאל אין די שטעטלעך

א שבת איז אין שטעטעלע :
הער מארק איז צוגעמאכט.
יידן אויסגעפוצט און פריילעכע
ווי א זומערדיק פארנאכט.

די זון פארגייט אין וועלדעלע,
און שפיגלט זיך אין טייך ;
עס צינדן זיך די וואלקנדלעך
אין גאלד און פארבנרייך.

און אין די קליינע שטיבעלעך
מאמעס בענטשן שבת־ליכט ;

א רואיקע צופרידנהייט
קומט פון ערגעץ אומגעריכט.

עס קלינגען די מעלאדיעס
פון שבתדיק געזאנג,
עס פליסט א ליבע ווארימקייט
פון יעדן פריילעך־קלאנג.

וואס טראגט זיך פון די שטיבעלע
אין שטילער נאכט אריין
און שכורט איין דאס שטעטעלע
מיט שבת־זיסן וויין.

## ל. רעזניק

### אין די דריי וואכן

חיים דער סירוועטער האט די גאנצע נאכט זיך געקייקלט אויף זיין שטרויענעם שעניק און נישט געקענט איינשלאפן.

עס איז געווען ביים סוף פון חודש תמוז ; דער טאג איז געווען זער א הייסער, און די לופט אין די פארשטעלטע קצבישע שול איז געווען כמעט אומדערטרעגלעך צו אטעמען און אוממעגלעך צו שלאפן. ווען ער האט דורך די הויכע פענסטער געזען אז דער ליכטיקער מארגן־שטערן איז געווארן א ביסל בלאסער, וואס דאס מיינט אז דער טאג דערנענטערט זיך, האט ער זיך אנגעטון און געגאנגען זיך אפפרישן אין טייך וועלכער איז געווען א פאר וויארסט פון שטאט. כדי נישט צו פארזאמען צו דאווענען מיטן ערשטן מנין, ווי געווענלעך, — אבער נאך מער כדי מ׳זאל אים נישט כאפן, אז ער גייט זיך באדן אין די דריי וואכן — האט ער באשלאסן צו נעמען א נענטערן וועג וואס האט געפירט דורך זייטיקע שטעגלעך פון א פאר פעלדער. אומגליקליכערוויז, איז אים דא אויסגעקומען צו האלטן שווערע מלחמות מיט די הינט פון די ארומיקע דערפער, וועלכע זיינען נישט געווען איינפארשטאנען מיט זיין באשלוס, און האבן



אים מקבל־פנים געווען מיט איבערנאטירלעכע קללות און זידלערייען, און אפילו געמאכט אנשטרענגונגען צו לאזן אים פילן זייערע שארפע ציינער. די דאזיקע מלחמות האבן אים פאראורזאכט צו פארלירן נישט נאר פיל צייט נאר אויך פיל געזונט.

ווען ער איז ענדלעך געקומען צום ברעג טייך, האבן שוין אויפן מזרח זייט הימל זיך באוויזן לאנגע רויז־ליכטיקע פאסן, די פאראויסגייער פון מעכטיקן ליכט־ און ווארעם־געבער, און וועלכע האבן שוין נישקשהדיק באלויכטן די גרויע, רירעוודיקע וואסער־דעק.

זייענדיק אבער מיד פון דער מלחמה מיט די הינט, האט ער זיך געזעצט א ביסל אפרוען. דא האט ער באמערקט, אפילו ווייט פון אים, ווי א יונגע פרוי מאכט גרויסע אנשטרענגונגען ארויסצושווימען פון א רוישנדיקן שטראם. דער שטראם, נישט נאר דרייט איר ארום און ארום ווי א מיל, ער שווענקט איר אויך אן אויפהער אראפ און ארויף. ער האט דייטלעך געזען אז אויב אימיצער וועט נישט קומען צו איר הילף וועט זי דערטרונקען ווערן.

אליין איז ער געווען א שוואכער שווימער, אבער ווען ער האט זיך ארומגעקוקט און קיינעם נישט געזען וועלכער זאל קומען צו איר הילף, האט ער אראפגעווארפן פון זיך די פאר קליידער, האט א שפרינג געגעבן אין טייך און זיך געלאזט לויפן ראטעווען די אומגליקלעכע שווימערין. גליקליכערוויז, ווען ער איז צוגעקומען נאענט צום שטראם, איז צוגעשווימען צו אים א צאפ פון דער פרוי׳ס לאנגע האר, וועלכע ער האט גיך א כאפ געטון און אזוי ארום איר פון דארטן ארויסגעשלעפט.

צו זיין שרעק און באדויערן, ווען ער האט איר צאפ אפגעלאזן, איז זי צוריק אריינגעפאלן אין טייך, נישט ווייזענדיק קיין שפור פון לעבן. זעענדיק אז ער האט נישט קיין אנדער מיטל, האט ער זי גענומען אויף די הענט און איר צוגעטאגן צום ברעג ווו מענטשן וועלן אנקומען און איר פיליכט אפמונטערן.

ארויפנעמענדיק איר אויף די הענט, האט ער געזען אז זי איז א יוגענט פון ארום 17־18 יאר אלט, זער שיין און צארט. אירע לאנגע נאסע האר זיינען ווייך ווי זייד און פאלן ארום אירע געטאקטע אקסלען ווי א פענכער. אזוי ווי איר פנים איז אויך געווען האלב באדעקט מיט אירע האר, האט ער נישט געקענט זען אויב זי איז א יידישע אדער א קריסטלעכע. דער טייך אין אלגעמיין איז נישט געווען זער טיף. ערטערווייז נישט מער ווי צו זיין ברוסט. אבער זייענדיק פארמאטערט פון לויפן צו איר רעטונג, פון ארויסציען איר פון טיפן שטראם און פון האלטן איר אויף די הענט, האט ער געפילט אז ער מוז זיך א ביסל אפרוען. דא האט ער געזען ווי א יונגערמאן אויף א פערד גאלאפירט גלייך אים אנטקעגן.

די זייט פון טייך צו וועמענס ברעג ער האט איר גענומען טראגן האט באלאנגט צום גראף פאדלאווסקי, באוווסט פאר א נישט גרויסן ליבהאבער פון יידן. וועט דער יונגער רייטער, וועלכער שיינט צו זיין דעם גראפס זון, אים נישט איבערגעבן צו דער פאליציי פאר זיך באדן אויף דער זייט פון גראף, ווו

עס איז פֿאַרבאָטן זיך צובאָדן? וועט דעם גראַפֿס זון און די פּאָליציי אים גלויבן אַז ער איז געקומען פֿון דער אַנדערער זייט טייך צו ראַטעווען די אומגליקלעכע שווימערין?

און אויב די מיידל וועלכע ליגט אַזוי הילפֿלאָז אויף זיינע הענט וועט נישט צו זיך קומען, וועט די פּאָליציי אים נישט באַשולדיקן אין האָבן אַ האַנט אין איר אומגליק? זיי קענען דערפֿון אפילו מאַכן אַן עלילת־דם. זיי וואַרטן נאָר אויף אַזאַ זאַך! און וואָס וועלן זיינע שול־בעלי בתים זאָגן ווען זיי וועלן זיך דערוויסן אַז ער האָט געטראָגן אויף זיינע הענט אַ נאַקעטע מיידל און נאָך אפשר אַ שיקסע? — מענטשן געווענלעך גלויבן דאָס ערגסטע און זעלטן דאָס בעסטע.

די דאָזיקע מוראדיקע געדאַנקען זיינען געפֿלויגן אין זיין קאָפּ ווי בולבעס. איבערלאָזן איר און אַנטלויפֿן — פֿון דעם האָט ער אפילו נישט געוואָלט טראַכטן — עס וועט כמעט הייסן דירעקטע „רציחה“, און דאָס וועט ער נישט נעמען אויף זיין נשמה!

מ׳מוז צוגעבן אַז אויסער דעם האָט ער אויך גענומען פֿילן צו איר אַ ליבשאַפֿט, ווי עס קומט נאַטירלעך פֿאָר, ווען אימיצער האַלט אויף די הענט אַ הילפֿלאָז קינד, און אין דעם פֿאַל אפשר נאָך אַ ביסל מער. איר נאַסער קערפּער האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַזאַ מין וואַרעמקייט פֿון וועלכען ער האָט קיינמאָל נישט געוווסט און פֿון וועלכן ער האָט געפֿילט אַ מערקווירדיקע אַנגענעמלעכקייט.

אין דער דאָזיקער סיטואַציע האָט ער פֿאַרגעזעצט זיין הייליקע מיסיע און ענדלעך איר געבראַכט צום ברעג. צו זיין פֿרייד, ווען ער האָט איר אַוועקגעלייגט אויף אַ בעט פֿון פֿיין געשניטענע גראָז, האָט ער געהערט איר געבן אַ קרעכץ און געזען איר עפֿענען די ליפּן מיט אַ שמייכל. „זי איז געראַטעוועט!“ האָט ער אויסגעשריען; און אָן אַן אַנדער וואָרט צו זאָגן, האָט ער זיך אומגעקערט צום טייך, אַריינגעלאָפֿן אין דעם אומשולדיקן וואַסער און גענומען שווימען ביז ער איז צוגעקומען צום ברעג ווו ער האָט געלאָזן זיינע זאַכן.

ער האָט פֿאַרשפּעטיקט דעם ערשטן מנין, אָבער ער איז געווען איבערגליקלעך דאָס עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפֿן איידער דעם גראַפֿס זון האָט צייט געהאַט אַראָפּצושטייגן פֿון זיין פֿערד; און אַזוי אַרום איז ער ניצול געוואָרן פֿון די געפֿאַרן וועלכע האָבן אים געדראָעט. נאָכן דאַווענען האָט ער געעפֿנט די גמרא, ווי געווענלעך, אָבער צו זיין באַדויערן האָט ער געפֿילט, אַז נישט די גמרא איז געגאַנגען אין קאָפּ נאָר דאָס פּנים פֿון דער שיינער יוגענט וועלכע ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון אַ קעסל־גרוב און געטראָגן אויף די הענט. ער האָט זיך געמאַכט פֿאָרוואָרפֿן פֿאַר דעם און גענומען אונטערזינגען כדי צו פֿאַרטרייבן די פֿרעמדע מחשבות וועלכע שטערן זיין לערנען. באַלד אָבער האָט ער ווייטער געפֿונען, ווי זי שטייט פֿאַר זיינע אויגן און דאַנקט אים פֿאַר דעם וואָס ער האָט איר געראַטעוועט פֿון אַ זיכערן טויט.

ענדלעך האָט ער פֿאַרמאַכט די גמרא און אַרויסגעגאַנגען כאַפּן אַ ביסל לופֿט, און ווו ער וועט קענען זיך אָפּגעבן אומגעשטערט מיט די געדאַנקען



וועלכע לויפֿן צו אים קעגן זיין אייגענעם ווילן. זיינע פֿיס, אומבאַמערקט, האָבן אים געטראָגן צום טייך.

„האָסטו געהערט וואָס היינט אין דער פֿרי האָט געטראָפֿן?“ האָט אַ פֿריינט זיינער, אַ בחור פֿון דער זעלבער ישיבה, אים געפֿרעגט, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט. חיים איז געוואָרן בלייך. עס האָט זיך אים געדוכט אַז זיין פֿריינט האָט געהערט שלעכטע נייעס וועגן דער מיידל, וועמענס געשטאַלט איז געשטאַנען פֿאַר זיינע אויגן. „וואָס ביזטו אַזוי בלייך געוואָרן?“ האָט זיין פֿריינט ווייטער געפֿרעגט. „דערצייל מיר בעסער וואָס דו ווייסט וועגן דעם וואָס האָט געטראָפֿן היינט אין דער פֿרי“, האָט חיים מיט נייגעריקייט זיך אָפּגערופֿן.

„ווי איך זע“, האָט זיין פֿריינט אויף דעם געענטפֿערט, „ביזטו אויך אינטערעסירט וועגן גאָלדבלאַטס טאָכטער, די שיינע אַניטאַ, וועלכע איז היינט אין דער פֿרי שיר דערטרונקען געוואָרן. זי איז געגאַנגען זיך באָדן זער פֿרי און איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ קאָכעדיקן קעסל־גרוב, און איז גערעטעט געוואָרן ווען זי איז שוין געווען כמעט טויט“.

„ווייסטו, יוסף, וואָס זי מאַכט?“ האָט חיים זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן פֿון פֿרעגן זיין פֿריינט.

„מערקווירדיק ווי די שיינע מיידל אינטערעסירט יעדן, אפילו אַזאַ אויסגעצייכנטן פֿרומאַק ווי דו ביזט. יעדנפֿאַלס“, האָט יוסף ווייטער געזאָגט, „דער דאָקטאָר, וועלכן איר פֿאָטער האָט גערופֿן, האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז אַזוי איז זי פֿאָלקאָם, נאָר פֿאַר אַ צייט וועט זי ליידן פֿון קאָפּווייטיק, ווייל זי האָט פֿאַרלוירן פֿיל האָר פֿון איר קאָפּ צוליב דעם וואָס פֿונין, דעם גראַפֿס זון, האָט איר אַרויסגעשלעפּט פֿון דער גרוב פֿאַר אירע האָר. מענטשן וועלכע זיינען אַריבערגעקומען פֿון דער אַנדערער זייט טייך זאָגן אַז דעם גראַפֿס זון האָט זיך באַלד אין איר פֿאַרליבט און געוואָלט איר נעמען צו זיין פֿאָטערס פּאַלאַץ, נאָר גאָלדבלאַט איז באַלד אָנגעקומען און איר גענומען אַהיים“.

„ווי קומט גאָלדבלאַטס טאָכטער אַזוי פֿרי זיך צו באָדן אין טייך?“ האָט חיים געפּרוווט פֿרעגן.

„דאָס קען איך דיר געווי נישט זאָגן, נאָר אַ סטרוזש וואָס היט די געהילצן אויפֿן ברעג האָט געזאָגט, אַז ער האָט געזען ווי אַ יונגערמאַן איז גיך אַוועקגעשווומען פֿון דעם גראַפֿס זייט טייך. דאָס ווייזט אַז זי איז נישט געווען אַליין.

חיים האָט אַ ציטער געטון.

„וואָס איז מיט דיר היינט?“ האָט יוסף געפֿרעגט. „דיר אַרט וואָס די שיינע אַניטאַ האָט זיך געבאָדן צוזאַמען מיט אַ בחור? זי געפֿינט זיך מיט אירע עלטערן אויף אַ דאַטשע נעבן דעם גראַפֿס אימעניע און האָט זיכער נישט געוואָלט אַז אירע עלטערן זאָלן וויסן מיט וועמען זי האָט אַ ראַנדעוווּ און איז דעריבער געגאַנגען זיך באָדן מיט אים ווען עס איז נאָך געווען זער פֿרי. דער יונגערמאַן, ווער ער זאָל נישט זיין, מוז, נאָך מיין מיינונג, זיין אַ גרויסער טרוס. ווי עס שיינט איז ער אַנטלאָפֿן ווען זי איז נאָך געווען אין גרויס געפֿאַר. צו איר גליק איז דעם גראַפֿס זון אין דער לעצטער מינוט אָנגעקומען און איר גע־

ראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. די מענטשן האָבן אויך געזאָגט אַז גאָלדבלאַט וועט זיך באַמיען אַז די שטאָט זאָל דעם יונגען גראַף געבן אַ סערטיפיקאַט פון לעבן־ראַטעוון און אַ מאַלצייט אין זיין כבוד. גאָלדבלאַט וועט אויך זיין שבת אין שול גומל־בענטשן פאַר זיין טאָכטער און געבן משקה״.

„קענסטו וויסן״, האָט חיים געפרעגט זיין פריינט, „אויב דער סטרוזש וואָלט דערקענען דעם יונגענמאַן וועלכער איז פון איר אַנטלאָפן, אויב ער זאָל אים ווען באַגעגענען ?״

„דאָס קען איך דיר נישט זאָגן. אָבער אויב ער זאָל דעם אָרעמען טרוס באַגעגענען און דערקענען וועט ער אים אַזוי גיך נישט אָפּלאָזן, דאָס קען איך דיר פאַרזיכערן״, האָט זיין פריינט געענטפערט.

חיים האָט ווייטער אַרויסגעוויזן גרויס אומרואיקייט.

„עפּעס איז נישט גלאַט מיט דיר היינט״, האָט זיין פריינט יוסף געזאָגט, „דו זעסט אויס בלייך און צורודערט. זאָג מיר וואָס איז די סיבה פון דעם ?״

„וואָלסטו געגלויבט אַז דער געמיינער טרוס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי איך אַליין ?״ האָט חיים געפרעגט

„ניין, איך וואָלט נישט געגלויבט אַז דו זאָלסט קענען זיין אַזאַ אכזר. אַחוץ דעם, ווי קומסטו זיך צו באָדן מיט דער שיינער אַניטאַ, מיטן רייכן האָלענדלערס טאָכטער ?״

„אויב דו וועסט מיר פאַרשפּרעכן אַז דו וועסט קיינעם נישט דערציילן, וועל איך דיר זאָגן ווי אַזוי עס האָט געטראָפן אַז איך זאָל זיין דער אכזר״. און חיים דער סירוועגטער האָט דערציילט זיין פריינט יוסף וואָס עס האָט מיט אים געטראָפן דעם פרימאָרגן.

„מיינסטו צו זאָגן אַז דאָס איז אַן אמתע געשיכטע און נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה״, האָט יוסף מיט פיל איראָניע באַמערקט נאָכן אויסהערן זיין פריינט.

„דו זעסט די ווייכע זיידענע האָר ?״ האָט חיים שוין מיט אומגעדולד געזאָגט, אַרויסנעמענדיק פון זיין בוזעם־קעשענע אַ בינטל האָר און געוויזן זיין פריינט, „דאָס איז אירע האָר. דו זעסט דעם זיידענעם באַנד, דאָס איז אויך אירס. די האָר האָבן זיך אָנגעטשעפּעט איר מיר ווען איך האָב איר געטראָגן צום ברעג, און וואָס האָט מיר גענומען איבער אַ שטונדע זיי אַראָפּצוקלויבן פון מיין האַלז און פּלייצעס. דאָס איז נישט געקומען צו מיר אין חלום״, האָט חיים געזאָגט.

„אויב אַזוי, חיים״, האָט זיין פריינט זיך אָפּגערופן, „פאַרוואָס לאָזסטו דעם גוי האָבן דעם קרעדיט פאַר איר רעטונג און נישט זיך אַליין ? גאָלדבלאַט איז אַ רייכער מאַן, ער וואָלט דיר זיכער גוט באַלוינט פאַר רעטן זיין איינציקע טאָכטער. ער דאַרף דיך צוליב דעם אפילו נעמען פאַר זיין איידעם״.

חיים האָט זיך פאַר אַ ווײַלע פאַרטראַכט. נאָכהער האָט ער מיט אַ טאָן פון פאַרדרוס געזאָגט : „און וואָס וועלן אונזערע שול־בעלי־בתים זאָגן : אַז איך בין זיך געגאַנגען באָדן אין די דריי וואָכן ?״



## א. נ. שטענצל

### פורים-צייט (דערמאָנונג־וואַריאַציע)

1

עס רירט זיך שוין דער שטעטלדיקער טייך,
פון שניי אַרויס באַווייזן זיך שוואַרצע שטיקער ערד ;
אונטער די שטאַמען, ברוינע, צעגלאַנצטע,
קאַלטענעווען זיך די וואָרצלען ווי ווייס־גרויע בערד.

פון די פויערים־כאַטעס און שטאַלן
אַ פיילן, אַ שלייפן — די סאָכעס גרייטן מען הערט,
דאָס שווערע פּראַכן פון קעלביקע קי,
און דאָס פריילעכע אויפהירזשען פון ייִנגיטשקע פערד.

די זעקל־יידן, אייער־אויפקויפער,
כעלות, ווי זיי האָבן קרייען דעם האָן געהערט,
זיינען זיי אויף די דערפער שוין אַרויס — —
אַרום אויוון אין בית־המדרש שיטערער ווערט.

אַ פּאַקן־טרעגער פּאַקט מגילהלעך אויס,
געברענגט זיי רויט אין גאָלדן פון אַ ווייט חלום־לאַנד ;
„משנכנס אדר מרבים בשמחה״,
שרייבט שטראַליק אַ האַנט אויף פאַרשאַטנטער מזרח־וואַנט.

„ובהגיע תור אסתר״, שכורלעך
דרייט זיך שוין אין קאָפּ מגילהדיקער פורים־טראָפּ,
און מיט אַמאָל גאַנצער שווערער ווינטער,
ווי אַן אייז־קריע רייסט זיך פונם האַרצן אַראָפּ —

מען איילט מיט טליתים־זעק פון השכמה,
דער מאַרק איז אַ פולער מיט זון — אָפּאַרפלייצטער גאַנץ !
כאַטש פערהייבן פאַרדריפּעטע פּאַלעס,
און אין שיטערער בלאָטע זיך לאָזן אין אַ טאַנץ.

ס'איז ממש קריעת ים־סוף געווען,
אַזאַ לאַנגער ווינטער לעבעדיק אים דורכצוגיין,
מיט ווייבער און קינדער נאַקעט און בלויז — —
ווי אַזוי דאָס געשען, עס ווייסט נאָר איין גאָט אַליין !

דאָס פרייד געראַיע אַרום די שטיבלעך —
שוועלבלעך אַרום נעסטלעך, ווי צוריקגעקערט פון גאַנץ ווייט ;
מיט אַ שלח־מנות־טעלער אין דער האַנט,
גייט ער אויף, דער טאָג, אַ צעשטראַלטער אויף מזרח־זייט.

2

אַ גאַנץ אַנדער פּנים, משונה מאָדנעם,
דער הימל איבערן שטעטל פּורים אין דער פרי ;
ווי ער וואָלט דעם פעלץ זיינעם זיך פאַרדרייט —
געמאַכט פון עפּעס אַ פעל, פון אַ חיה, אַ כוי.

פון קריכנדיקן וואָלקן געקרייזל,
„תחושים״־געפאַרבט קוקט אַרויס אַ מאַסקע א זון ;
פונם בלויסן כאַפּן אַ בליק אויף איר,
אין אומעטיקסטן האַרץ ווערט אזוי פריילעך דערפון.

די הייזלעך פאַר די טירן, האַלב פאַרשנייט,
שטייען ווי די פּורים־שפּילער די קאַפּאָטעס פאַרדרייט,
ס׳קריכט פון אונטערשלאַק די וואַטע אַרויס,
און יענס דעכל, ווי קאָמיש דעם קאַשקעט אויף אַ זייט.

אַ גאַנצן טאָג דער המן־געגרעגער,
איבער גאַסן און געסלעך דאָס שלח־מנות געטראָג ;
אינמיטן מאַרק טאַנצט אַ שכורער ייד,
און זינגט שושנת־יעקב מיט אַזאַ יללה־געקלאָג.

„ארור מרדכי, ברוך המן״ וויינט עס :
„גאָטעניו, אַזאַ הינטיש לעבן מער ווער באַדאַרף ?״
אַרום אים גוים שטייען ניכטערע,
פון אַ שייער הערט זיך זשאַווערדיקער שערף־געשאַרף.

„איז עס צום אַקערן, פאַר זשניווע־פרייד,
דאָס פיילן די סאַכעס, דאָס שלייפן די שערפן־צייג,
אָדער, חלילה — — „חייב האדם״ !
פאַר זיך אליין, זיך עוקר מן השורש צו זיין.

„איינער דעם אַנדערן זיך אויסצושעכטן !״
בלייבט ער מיטן זיין זינגען אַ פאַרגליווערטער שטיין —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַן אויסגעפלאָנטערטער קומט ער צו זיך,
אַן אַרויסגעדריוולטער ווי פון לבנה שיין —

ליידיק איז דער מאַרק, די פולע לבנה —
קופערנע קערה ! שקלים פאַלן שטערן אַריין,
און ווי צו דער סעודת־המפסקת,
אויסגעוויינט, לאָזט ער זיך צו דער סעודת־פּורים גיין.



## א פורים-רב-ליד

דעם קהילה׳שן עקשן, דעם כעסן, דעם כל־בו,
האָבן זיי הייאָר פאַר פּורים רב געמאַכט ;
די סטראָקעס, דעם הויכן קאָלפּעק אים אָנגעטון,
אין שול אַריין מיט גרויס פּאַראַד געבראַכט.

אדרבא, זאָל ער טאַקע באַווייזן וואָס ער קאָן,
און זיין פון קהל איין טאָג כאָטש באַלבאָס ;
זאָל ער נאָך סמייען דערנאָך צו שרייען,
און אַ שטאָט אַרומפירן ביי דער נאָז.

דאָ קריגן זיך מיטן רב, דאָ מיטן שמש,
דאָ האָבן טענות צום שמייסער אין באָד ;
נאַ, אָט האָסט דו, די לייצן מיט דער בייטש דערצו,
און קערעווע אויס פון בלאָטע אַ שטאָט.

די גרויע צוגעקלעפּטע קאָנאָפּיעס פאות,
הדרת־פּנימדיק זיין רויט בערדל באַצירט,
און מיט אַ געפייף האָבן אים ווייסע חברה,
אויף בימה, דרשנען אַרויפגעפירט.

איז ער געשטאַנען אַ ווייל געקוקט אויפן רב,
אויף די פּנימער אויף דער מזרח־וואַנט,
און פון גרויס גרימצאָרן און כעס אויף זיך אַליין,
שיעור צעקוועטשט ס׳רויטע בערדל אין זיין האַנט.

ס׳וואָלט צוויי שטראַלן בלוט פון זיין קאָפּ גערונען,
האָבן די צוויי שפּיצן באָרד אויסגעזען — — —
קאָפּ אויף קאָפּ שטייט גאַנץ שטעטל אַרום מלעמער,
צומאָל דער שטאָט־צאַפּ צווישן עולם געווען.

אַן אויפּטו, געמאַכט אים פאַר מרא־דאתרא !
צו וועם זאָל ער דעם כעס אויסלאָזן איצט ?
כאָטשע זיך אליין קורע כדג זיין !
האָבן זיינע אויגן מיט פייער געשפּריצט.

ער קוקט אויפן עולם אַ האָן אין בני אדם
אַ צעדרייטער שלשלת קרייט זיין קול :
„רבותי, כאַפּט מען זיך אַרויף אויף קאָפּ פון קהל,
ווערט מען די כפרה פאַר כל־ישראל״.

## „ושים באזני יהושע“

(אַן „עד דלא יידעלע“ צו דער גרויסער בן גריון־דיסקוסיע)

מילא, נישט מקיים צו זיין דעם „מחה אמחה“,
האָבן מיר אונזערע שלומים־געלדער אינטערעסן ;
אָבער פאַרוואָס דווקא אָפּמעקן יעדן זכר,
און אַלץ וואָס געווען, וואָס אונזערס אינגאַנצן פאַרגעסן ?

איבערגעבליבן די שוואַכע, די קריכנדיקע,
צו מאַכן פון אונז די קברים שענדער פונם שטעטל ;
פאַר די „ . . . אלפים ככר כסף“ וואָס מיר נעמען,
פאַרברענען דאָס אָרעמע לעצטע פה־נטמן־ברעטל ?

„ושים באזני יהושיע“, זאָלן זיי זיך
די גענעראַלן אונטער זייערע אויערן שרייבן :
„כי יד על כס יה“ — ביי ירושלים !
עס וועט פון עמלקס זרע קיין זכר נישט בלייבן —

— — — — — — — — — — — — — — — —

יאָ, ירושלימדיק, של מעלהדיק, שכינה־שיין —
טויזנט און איין שטעטל אין פלאַמען ביזט אויפגעגאַנגען,
צו ווערן די לעגענדע, הייליקסטע, ליכטיקסטע,
פון פינסטערסטן גלות אונזערן אומענדלעך־לאַנגען.

## צו דער דירעקטאָרן קליימס־קאָנפערענץ

(צייט־סטראָפעס)

אַ קדיש ־זאָגער צו קריגן נאָך איין נפטר,
וויפיל דאָס קאָסט נעבעך אָן היינטיקע צייטן ;
שבעה זיצן, שלושים ? אָבער אַ פאַסנעם קדיש,
מען מוז דאָך יוצא זיין פאַר גאָט און פאַר לייטן ;
אַזאַ קדיש־זאָגער מוז קאָנען אַ שייטל עברי,
נישט מיט אַ ביליקן „היברו־טיטשער“ אים צו פאַרבייטן.

ערשט שטעלט אייך פאָר דעם מטמון וואָס מוז קאָסטן,
נאָך זעקס מיליאָנען נפטרים קדשים צו דינגען,
גאַנצע ביוראָס, מיט אַגענטן, מיט דירעקטאָרן,
שרייב־מאַשינען קלאַפּן, טעלעפאָנען קלינגען ;
די גרויסע אַנאָנסן אין די צייטונג־בלעטער,
אַזאַ מאַסע קדשים צו באַקומען ס׳זאָל געלינגען.

ווער זוכט ביי אַזאַ „האָסע“ פירוש־המילות,
צי דעם אמת סקאַרבאָווע קדיש ניגון,
אַז מען רייסט פון די הענט, אַז די סחורה ברענט,



ביי אַזאַ נאָכפראַגע איז די וואַרע געשטיגן.
האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אַן עצה צו האַלטן,
וויאַזוי אַזאַ מאַסע קדיש־זאָגער צו קריגן.

דער מאַרק־געשריי, דער ווילדער בערזן־טומל — —
אָבער אַז אין בייטל קלינגט העכער דער מזומן !
האָט מען געשריגן ביז הייזעריק געוואָרן,
און מיט גוטן בכי־טוב מ׳איז אַדורכגעקומען.
איז אַ ווונדער אַז נאָך דער דאָזיקער אסיפה,
האָבן אַלע קדיש לערנען זיך גענומען ?

מיט דעם פאַסנעם קדיש לייכט פערטיק געוואָרן,
אויסנווייניק אים אויסגעלערנט אינגאַנצן !
„שמאָנצעס“ ! וואָס מיר יידישע אותיות,
לערנט זיך נישט אויס אַ בער טאַנצן ?
בלויז מכוח דעם שווערן רבנן קדיש,
רייסט מען זיך נאָך אין די חליקשע פינאַנצן.

און ס׳איז ברוך השם דאָ ביי וואָס זיך צו רייסן !
אַ רבנן־קדיש ווער ס׳קאָן זאָגן,
אויב נישט ריכטיקע באָרד און פאות,
כאָטש אַ פראַנקפורטער בערדל מוז ער טראָגן — —
אַזוי ווערט דער פאַסנער קדיש־יתום
מיט אַ ביסל רבניש־גע׳רעש׳עכץ * אונטערגעשלאָגן.

## א ליד

אַ פיין־שפּילנדיקער פייפן־אָרגל פייפן זייגע לונגען,
צו אַ ליד טויזנט און איין מאָל שוין איבערגעזונגען ;
יאָ, עס זיס באַגלייטן, מיט אַזאַ געהייליקט פייפן,
סוף כל סוף איז עס אים דאָך איצטער געלונגען.

ס׳לייזן זיך אים אויף שוין אין קאָפּ די נישט לעזנדיקסטע ווערטער,
ווי דער ווייסער שניי אויף די שוואַרץ־פאַרנעצטע ערטער,
וואָס ער היפּט איבער מיט טריט בלוי־געפרווירענעם שטייפן — —
דאָס ליד לויטער מעלאָדיע ווי די בענקשאַפט צו דער באַגערטער.

אָ, ער וועט עס הערן נאָך דאָס פייפנדיקע באַגלייטן,
ווען זי אונטערכאַפּן וועט, אים, איר אויסדערוויילטן,
פאַלנדיק אין אירע אָרעמס — — אָ דאָס צו באַגרייפן,
נישט מיט וואָרט אויסדערציילטן — מיט ריטם אָפּגעציילטן.

* פאַסנע קאַרטאָפל פלעגט מען אין דער היים אינטערשלאָגן מיט גריישעכץ — אַ מין געפרעגלטע ציבעלעס.

אַ פיין־שפילנדיקער פייפן־אָרגל פייפן זיינע לונגען,
**צו אַ ליד טויזנט און איין מאָל שוין איבערגעזונגען — —**
וואָלט ער געקענט גיין דערמיט איבער היימישע הייפן,
אין אַלע הערצער, ווי צו גאָט, עס וואָלט טיף אַריינגעדרונגען.

א. מייזעלס

## ר א ש ע ל

### ד י  ג ר ע ס ט ע  װ ע ל ט ס ־ ט ר א ג י ק י ר י ן

צום איר הונדערטסטן יאָרצייט

1858 — 1958

יעקב און אסתר חיה פעליקס, דאָרפס־גייער אין דייטשלאַנד, האָבן באַשלאָסן צו בייטן זייער היים און זוכן אַ מקום מנוחה אין אַן אַנדער לאַנד, וואו יידן ווערן ניט אַזוי גערודפט. זיי האָבן דערפאַר איינגעפּאַקט דאָס ביסעל סחורה, אַרויפגעלייגט אויף אַ קליין וועגעלע, איינגעשפּאַנט אַ הונד און זיך מיט זייער צוויי יאָריק מיידעלע שרה, געלאָזט אין וועג אַריין. דער וועג האָט זיי געפירט דורך דער שווייץ, וואָרים פראַנקרייך איז געווען דאָס לאַנד, אין וועלכן זיי האָבן זיך געוואָלט באַזעצן.

אָנקומענדיק קיין באַזעל, האָבן זיך מאַן און ווייב צוטיילט, יעדער איז געגאַנגען אין אַן אַנדער דאָרף, ווייל דער פאַרדינסט פון איינעם, האָט ניט געקלעקט אויסצוהאַלטן די גאַנצע פאַמיליע. דעם 28־טן פעבער 1821, ווען אסתר חיה איז צו געקומען אין דאָרף מומפף צום אַ קרעטשמע, האָט זי אָנגעהויבן גיין צו־קינד און דער קרעטשמער האָט זיך איבער איר מרחם געווען, הגם קיין יידן האָט מען דאָרט ניט געטאָרט פאַרדינגען אַ צימער און אין דאָרף צווישן ציריך און באַזעל, איז געבוירן געוואָרן די גרעסטע טראַגעדין זייט ששת ימי בראשית, ביז היינט. דער פאָטער האָט איר אַ נאָמען געגעבן ע ל י ז א, עליזא פעליקס.

נאָך עטליכע טעג האָט מען ווידער גענומען דעם שטעקן אין האַנד און מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. עליזא האָט מען אַרויף געלעגט אויפן וועגעלע און אַזוי האָט מען זיך געשלעפּט פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָדט צו שטאָדט און איינמאָל האָט געטראָפן, אַז עליזא איז אַראָפּ געפאַלן פון וועגעלע און די עלטערן האָבן ניט באַמערקט, ערשט מענטשן האָבן זיי נאָכגעשריגן און אַזוי אַרום דאָס קינד אָפּגעראַטעוועט, אָפּגעראַטעוועט פאַר דער וועלט.

נאָך חדשים וואַגלען זיך האָבן זיי זיך דערשלעפּט ביז צו דער שטאָדט ליאָן און דאָרט האָבן זיי זיך באַזעצט און ווייטער אַרום געגאַנגען אין די דערפער מיט זייערע פעקלעך. שרה האָט אַכטונג געטון סיי אויפן הויז און סיי אויפן שוועסטערל. אַזוי האָט זיך די פאַמיליע פעליקס געמוטשעט אין ליאָן. איינמאָל אין אַ טאָג, זיינען די קינדער פאַרביי געגאַנגען אַ געוועלב אין וועלכן עס איז



געווען אויסגעשטעלט פאַרשידענע טאָרטן, לעקעך וכדומה. זיי האָבן געקוקט אויף די אַלע זיסעקייטן און טרערן זיינען געריגען פון די קינדישע אויגן. אין דעם אויגענבליק איז שרהן איינגעפאַלן אַ גליקליכער געדאַנק, זי האָט אָנגעהויבן צו זינגען און עליזא האָט געזונגען און רעציטירט, מענטשן זיינען געבליבן שטיין און ווען זיי האָבן געענדיקט, האָט דער עולם זיי צוגעוואָרפן געלד. פון דעם טאָג אָן, איז ווען זיי האָבן געוואָלט זיך עפּעס קויפן, זיינען זיי אַרויס אין גאַס זינגען און רעציטירן. נאָך אַ קורצער צייט, האָט זיך דער פאָטער דערפון דערוואוסט, האָט ער אַליין איבער גענומען די השגחה איבערן פאַרדינסט פון די קינדער. שפּעטער האָט ער אָפּגעמאַכט מיט קאַפע־הייזער, אַז די קינדער זאָלן יעדע נאַכט אַרויסטרעטן. באַגלייט פון אַ גיטאַר, האָט עליזא רעציטירט, עס איז געווען עטוואָס באַהאַלטענעס אין איר קוויטשענדיקער, הייזעריקער שטימע, וועלכע האָט דעם צוהערער פאַראינטערעסירט. פאַרשטייט זיך, אַז די סביבה פון אַזעלכע פּלעצער, האָבן ניט געקאָנט דערהויבן דעם מאָראַל פון די קינדער, הערצו האָבן זיי כמעט ווי גאָר ניט געלערנט, דער פאָטער איז געווען זייער לערער.

ווען עליזא איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, זיינען זיי אַריבער קיין פּאַריז און דאָרט האָבן זיי ווייטער געזונגען אין גאַס. אין אַ טאָג איז אַ פיינער הער פאַרביי געגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט, וואָרים די שטימע פון דעם אָרימען קינד, האָט אים צו געצויגן, ער איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון איר רעציטאַציע, אַז ער האָט אַריינגעוואָרפן אַ גאָלד שטיקעל אין הוט אַריין. אין דער מינוט האָט ער ניט געחלומט, אַז די קלענערע וועט שפּילן די הויפּט ראָל אין זיינעם אַ שטיק, זיין נאָמען איז געווען וויקטאָר הוגאָ.

די פּאַריזער גאַסן, האָבן איר די אויגן געעפנט, דאָס עלענד פון איר פאַמיליע, האָט איר שכל געשאַרפט. זי האָט געפילט אַ ביטערקייט צו דער גאַנצער וועלט, איר וועג איז געווען אַ שווערער באַרג אַרויף, זי האָט אויסגעזען יונגער פון אירע יאָרן, זי איז געווען צו ווייניג ווייבלעך, ווייט פון צו זיין אַ שיינקייט, פאַרקערט, מען האָט שטענדיק געשריבן, אַז זי איז ניט שיין, דערצו איז זי געווען אַ יידיש קינד און מען פלעגט זי ניט אַנדערש רופן ווי „די קליינע יידין", אָט דאָס אַלץ צוזאַמען האָט זיך אין איר האַרצן אָנגעזאַמעלט און זי האָט דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

מיט גרויס מיה האָט זי זיך דערשלאָגן צום אַ שול, וועלכע האָט אַרויס געגעבן יונגע טאַלענטירטע כוחות פאַרן באַרימטן נאַציאָנאַלן פראַנצויזישן טעאַטער „קאָמעדי פראַנסעי". אין דער שול האָט מען אויך געלערנט פאַר דער אָפּער, אָבער עליזא פעליקס האָט פאָרגעצויגן דאָס דראַמאַ און ווען דער לערער האָט זי צום ערשטן מאָל געהערט, איז ער אַריין אין אַזאַ התפּעלות, אַז ער האָט באַוויזן צו באַוועגן דעם דירעקטאָר, אַז ער זאָל זי הערן און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מען האָט זי אויפגענומען אין קאָנסערוואַטאָריום און איר געגעבן זעקס הונדערט פראַנק, דאָס הייסט מען האָט איר דערווייל צוגעזאָגט, אָבער זי האָט דאָס געלד קיינמאָל ניט באַקומען.

עליזא פעליקס האָט ווייטער געקעמפט מיט די כוואַליעס. דער טעאַטער „קאָמעדי פראַנסעז“, איז געווען אַ פעסטונג וואו קיינער האָט ניט געקאָנט אַריין, מען האָט געמוזט האָבן די פּראָטעקציע פון אַ מיניסטער, אַ גרויסן צייטונגס מענטש, אָדער אַ מיליאָנער, אַז מען זאָל עפענען אַ טויער פאַר אַן אָנפאַנגער. עליזא האָט קיינעם ניט געהאַט. איר לערער, אַ געוועזענער שוישפּילער פון „קאָמעדי פראַנסעז“, האָט זיך פאַר איר יאָ אַביסעל אינטערעסירט, ער האָט אָבער ניט געהאַט דעם שאַרפן בליק, אַז דאָ שטייט פאַר אים אַ זשעניוס. עליזא האָט געזען, אַז עס איז אָן אַ צוועק צו קעמפן אַנטקעגן די אַלע, וועלכע ווילן איר דעם וועג פאַרשטעלן, האָט זי נאָך פיר חדשים פאַרלאָזט דאָס קאָנסערוואַטאָריום.

זי האָט זיך געווענדט צו אַ מאַן פון טעאַטער קרייז מיטן נאָמען סאַינט־אולעיר, און ער האָט זי פאַרמיטעלט, אַז זי זאָל אויפטרעטן אין „גימנאַס־טעאַטער“. ער האָט פאַר איר אָפּגעשלאָסן אַ קאָנטראַקט פאַר 4 טויזנט פראַנק אַ יאָר און נאָך צוויי יאָר וועט זי באַקומען 6 טויזנט פראַנק אַ יאָר. אין 1837 איז זי אַרויס געטרעטן אין אַ זער שוואַך מעלאָדראַמאַ, וועלכס וואָלט ביי געוועהנליכער צייט געגאַנגען ניט מער ווי דריי נעכט, אָבער אַ דאַנק איר גרויסן זשעני, האָט מען דאָס געשפּילט צוויי חדשים.

איידער עליזא איז אַרויס געטרעטן אין איר ערשטער ראָל, האָט מען געזוכט צו בייטן איר נאָמען, ווייל עליזא פעליקס זאָגט גאָר ניט צו אַ טעאַטער עולם. צו דערזעלביגער צייט האָט מען געשפּילט אַן אָפּער „די יידין“ פון הלוי, די הויפּטראָל איז דאָרט אליעזר און זיין טאָכטער רחל און אָט אין דעם נאָמען האָט מען איר אַנאָנסירט אויפן טעאַטער צעטל, ראַשעל!

די קריטיק איז געווען גוט און שלעכט, יעדער האָט זי באַטיטעלט, דאָס קליינע יידישע מיידעל, אָדער אַ קליין זעקל מיט ביינער, ניט קיין שיינע... הענד און פיס ניט אויסגעפאָרעמט... איר קול איז רוי און הייזעריק, אָבער עס ליגט פאַר איר אַ גאָר גרויסע צוקונפט... און אַלע האָבן איינגעשטימט, אַז זי איז אַ זשעני.

לאַנג האָט זיך ראַשעל אין דעם טעאַטער ניט געהאַלטן, דער רעפּערטואַר איז ניט געווען פאַר איר, נאָך פיל מי און מאַטערנישן, איז זי ענדליך אויפגעטרעטן אין „קאָמעדי פראַנסעז“. עס איז געווען אין זומער 1838, ווען פּאַריז איז אויסגעליידיקט פון אַלע וועלכע אינטערעסירן זיך פאַר קונסט, אָבער פונדעסטוועגן האָט דער דירעקטאָר זי געהאַלטן, ווייל ער האָט געזען דעם גרויסן בריליאַנט. עס איז אָנגעקומען דער ווינטער און ראַשעל איז אַרויס געטרעטן אין אַ קלאַסישער ראָל און די קריטיקער פון די גרעסטע צייטונגען, האָבן געזוכט זיך איבער צו טרעפן אין לויב געזאַנגען. דער גרעסטער קריטיקער יאַנין, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין ראַשעלס ווייטערדיקן לעבן האָט געשריבן... — אַן אומגעבילדעט קינד, איז געוואָרן דער אויסטייטשער פון די אַלטע, גרויסע טראַגעדיעס. זי צובלאָזט די אַש אין אַ גרויסן פלאַם דורך איר זשעני... פרעג זי ניט ווער די אַלע קלאַסיקער זיינען, זי ווייסט ניט... קוק



אויף איר גאַנג, ווי זי דערהויבט איר קאָפּ, אירע אויגן שיינען... גאָר ניט קאָן זיין גרעסער ווי איר שפּילן די ראָל פון „קאַמילע“, ביז צו מיין טויט וועט מיך פאַרפאָלגן איר שטימע און אירע טרערן...

צווישן ראַשעלס גרויסע פּאַטריאָטן, זיינען געווען די פראַנצויזישע יידן, זיי האָבן געהאַט אויף וואָס צו שטאָלצירן און ווען ראַשעל האָט געשפּילט, איז אַ גרויסע צאָל געווען יידישע באַזוכער. דיזעלבע פּאַטריאָטן, פלעגן אויך אָנפולן די אָפּער, ווען מען האָט געשפּילט מייערבערס אַן אָפּער. אָבער ראַשעל האָט זיך ניט גענויטיקט אין צוגעגרייטן סוקסעס, זי איז באַלד אין אָנהויב פון איר קאַריערע, אַרויף אויף דער הויכער מדרגה, אַזוי אויך מאַטעריעל האָט זי באַלד געטון אַ שפּרונג פון 4 טויזנט פראַנק צו 20 טויזנט פראַנק. ראַשעל איז דאַמאַלס ערשט אַלט געווען 17 יאָר און זי איז נאָך געשטאַנען אונטערן פאָטערס רשות און דער פאָטער האָט גוט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אויסצונוצן ראַשעלן און איר דערפאָלג, ער האָט זיך צו זיין נאָמען צוגעזעצט דעם נאָמען ראַשעל, פעליקס־ראַשעל האָט ער זיך אונטער געשריבן, ער האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס צויבער־וואָרט ראַשעל, וועט אים עפענען אַלע טירן.

צווישן די אויפריכטיקע פריינט איז געווען דער באַרימטער יידיש־פראַנצויזישער שטאַאַטסמאַן, אַדאָלף קרעמיע, באַקאַנט צו דער יידישער וועלט דורך זיין אינטערווענץ ביים „עלילת דם“ בלבול אין דמשק. אַדאָלף קרעמיע און באַזונדערס זיין פרוי, האָבן ברייט זייער היים געעפנט פאַר ראַשעל, זיי האָבן זי ווי אַ קינד אויפגענומען, ראַשעל האָט זיי אָער שפּעטער ניט זער שיין אָפּגעדאַנקט, זיי האָבן איר אָבער ניט נאָכגעטראָגן קיין בייז האַרץ, אַ צייט שפּעטער האָט ראַשעל צו זיי ווידער געשריבן. אָבער די פעטערליכע ליבע איז ניט צוריק געשטעלט געוואָרן, ווייל ראַשעל האָט ניט געוואָלט ברעכן מיט אַ רייכן מאַן פון טעאַטער־קרייז.

מיט איר פּריוואַט לעבן האָבן די פּאַריזער יידן ניט שטאָלצירט. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזא וועלטס־קינסטלערין האָט פאַרערער, אָבער ראַשעל האָט אויך אין דער הינזיכט, אַלעמען איבערטראָפן. דער דיכטער אַלפרעד מוסעט, וויקטאָר הוגאָ, אַלעקסאַנדר דומאַס זון, און פיל אַנדערע גרויסע פּערזענליכקייטן, האָבן זיך געשאַרט אַרום איר.

דער פאָטער פון ראַשעלס ערשטן קינד, איז געווען גראַף וואַלעווסקי, אַן אומעליכער זון פון נאַפּאָלעאָן און אַ פּוילישער גרעפין. דאָס קינד, אַ יונגעל האָט זי אַ נאָמען געגעבן אַלעקסאַנדער. גראַף וואַלעווסקי האָט דאָס קינד גענומען צו זיך, הגם ער האָט אינצווישן חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער, אָבער ראַשעל האָט אויס געקעמפט, אַז דאָס קינד זאָל ביי איר בלייבן. פונדעסטוועגן האָט וואַלעווסקי געהאָלפן צו זיין אויסבילדונג און נאָך ראַשעלס טויט, האָט ער אים געשאַפן אַ קאַריערע.

דער פאָטער פון צווייטן קינד גבריאל וויקטאָר פעליקס, איז געווען פּרינץ נאַפּאָלעאָן. וועלכער האָט זי זער געליבט. ער האָט אַמאָל געזאָגט — „אַז סיי ווי זי איז געבוירן, אין אַ קאַראַוואַן, אַ בוידעם, אַ קעלער, איינס בין איך זיכער,

אז צוריק מיט צוויי טויזנט יאָר, איז ראשעל געווען קעניגין פון ישראל, איך קען זי בעסער פון אייך.

די פאריזער יידן זיינען אויך געווען אומגליקליך, וואָס ראשעל האָט געשפילט אלע יידישע ימים טובים און אפילו יום כפור צו כל נדרי. ראשעל האָט זיך פארטיידיקט, אז זי איז געבונדן מיט א קאָנטראַקט. די פאריזער יידן האָבן זיך אויך באקלאָגט, אז זי באזוכט וועניק די שול און, אז ביי איר טיש עסט מען „שינקען". מען האָט א גרויסן טייל פון דער שולד, געוואָרפן אויפן פאָטער און קאָן זיין מיט רעכט, ווייל אין יענער צייט, אויב א פאָטער האָט געקאָנט שיקן זיינע קינדער, זיי זאָלן זינגען אין נידריגע קאפע־הייזער, איז כמעט געווען ווי א חוץ למחנהדיקער...

ראשעל האָט געהאַנגען אין איר פאמיליע, זי האָט אויך אירע אנדערע שוועסטער שרה, רעבעקא, לאה, דינה און איר ברודער רפאל, אריינגענומען אין טעאטער, אויך איר קוזינע יודיטה האָט דורך איר באקומען באשעפטיגונג אין טעאטער און די שונאים פון ראשעל האָבן געזאגט, אז די „קאמעדי פראנסעי", איז א סינאגאגע. די אנטיסעמיטן האָבן געברענט, כל־ערליי רכילות אויסגעטראכט, ראשעל האָט זיי אָבער מיט איין סצענע אָפּשפּילן, שטום געמאכט. זי האָט אלע אנדערע טעאטערס אין פאַריז כמעט דערהרגט, אזוי איז דער איטאליענישער אָפּערן־קאָמפּאָזיטער ראָסיני געווען געצוואונגען צוריק צו גיין קיין איטאליע. אין דערזעלביקער צייט האָבן זיך געפונען אין פאריז די מוזיקער מענדעלסאָן, זשאק אָפענבאך, מייערבער, הלווי, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו באהערשן די בינע, אויך אנדערע גרויסע פערזענליכקייטן, ווי היינע, קארל מארקס, פערדינאנד לאסאל, דאמאלס איז ראָסיני אוועק פון פאריז, ביים געזעגנען זיך האָט ער געזאָגט, אז ער וועט ווארטן ביז „דער יידישער שבת וועט זיך ענדיקן..."

אין ענגלאנד האָט זי געהאט דעמזעלביקן גרויסן דערפאלג ווי שטענדיק. די קעניגין וויקטאָריא האָט זי איינגעלאדן קיין ווינדסאר, דאָרט האָט זי געגעסן ביי דער קעניגינס טיש און דאן האָט זי פאָרגעטראגן. די קעניגין האָט איר געגעבן א טייערן בריליאנטענעם בראָנזלעט. נאָכן פאָרטראג האָט ראשעל געפילט קאלט. די קעניגין האָט דאָס באמערקט, האָט זי געהייסן אייבער פון אירע דאמען, אז זי זאָל איינוויקלען ראשעלן אין א שאל. אויך אין ענגלאנד האָט זי זיך געשאפן א גאָר גרויסן קרייז פון פריינט, דארונטער דע־איזראעלי און דער הערצאָג וועלינגטאָן.

אין יאָר 1852, האָט זי דער דייטשישער קעניג פרידריך ווילהעלם, פארבעטן אין קעניגליכן הויף קיין פאָטסדאם. ער האָט דאמאלס געהאט צו גאסט צאר ניקאָלוס דעם ערשטער מיט דער צארינע. ווען זי איז אָנגעקומען מיט איר קאָמפּאני אין הויף אריין, האָט מען זי אריינגעפירט אין א זאאל און דאָרט איז געשטאנען א געדעקטער טיש, בלויז פאר איר אליין. דאָס האָט זי פארדראָסן, ווייל זי איז געווען געווינט אנדערש, האָט זי זיך געהייסן פירן צום שפייז־זאל פון איר קאָמפּאני — זאָגענדיק ; א גענעראל פאר דער שלאכט, עסט מיט זיינע



סאָלדאטן. רעציטירט און געשפילט עטליכע סצענען אין גאָרטן אויפן בלויזן גראָז פונדעסטוועגן האט דאס ניט פארמינערט איר גרויסקייט, נאָכן ענדיקן איז דער צאר צון איר צוגעקומען, זי האָט געוואָלט אויפשטיין, נאָר ער האָט זיינע הענד אויף אירע אקסעל ארויפגעלייגט און ניט געלאָזט, זי האָט אים געמוזט צוזאָגן צו קומען קיין פעטערבורג.

דאָס קומענדיקע יאָר, האָט זי געבראכט קיין רוסלאנד. אין קייזערס פאלאץ איז פאָרגעקומען א גרויסער באנקעט, אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען די גאנצע פאמיליע פון פרינצן און פרינצעסינס, עטליכע און דרייסיג זיינען זיי געווען. שפּעטער ווען ראשעל האָט צווישן אירע נאָנטע געשילדערט דעם באנקעט, האָט זי צו געגעבן — און דאָס אלץ פאר פעליקס טאָכטער... צווישן פארשידענע סצענעס און רעציטאציעס, האָט זי אויך געבראכט דעם „רוסישן הימן", ווען זי האָט געענדיקט, האָט דער אפלויז פון די פרינצן און פרינצענס, דערגרייכט ביז צום ווילדן שגעון, אלע האָבן זיך געריסן צו דרוקן איר האנט, אלע האָבן איינגעשטימט, אז דאָס איז די גרעסטע טראגעדין וואָס איז געווען, וואָס איז און וואָס וועט זיין. אוועק געפאָרן פון רוסלאנד איז זי רייכער מיט טויזענטער ענגלישע פונטן, צירינג און אויך דאָרט האָט זי באקומען אין הויף א טייערן אינדישן שאל...

ראשעלס דערפאָלג אין ענגלאנד צום צווייטן מאָל, איז געווען נאָך גרעסער. ווען זי איז אויפגעטרעטן אין דער ראָל „יודיטה", האָט ראָטשילד איר געבאָרגט דאָס פאמיליען צירונג, דע איזראעלי האָט זי פאראייביקט אין זיינעם א ראָמאן.

מען זאָל ניט געוואונען דעם פאלטשן איינדרוק, אז ראשעלס לעבן איז געווען איין גרויסער יום טוב, זי האָט גענוג מיטגעמאכט אין איר לעבן ביז זי האָט זיך צון עפּעס דערשלאָגן, זי האָט גענוג געהונגערט. אין אירע לעצטע טעג האָט זי דאָס עסן שוין ניט באריךט און ווען מען האָט זי געפרעגט פארוואָס זי עסט ניט, האָט זי געזאָגט, — אמאָל האָב איך געקאָנט עסן, האָב איך ניט געהאט וואָס, היינט האָב איך וואָס קאָן איך ניט. איר גאנץ לעבן האָט זי געפלאָגט א שווערע קראנקהייט, איר באליבטעסטע שוועסטער רעבעקא, וועלכע איז אגב געווען א זער גוטע אקטריסע, איז אויף דערזעלביקער קראנקהייט געשטאָרבן, איר טויט האָט זער פיל געווירקט אויף ראשעל. רעבעקא האָט שטענדיק ווען זי האָט דערמאָנט איר נאָמען געזאָגט, מיין גרויסע שוועסטער ראשעל. רעבעקא האָט זי זער באאיינפלוסט, אז ראשעל זאָל בלייבן טריי דער יידישער אמונה.

איר רייזע קיין אמעריקא איז געווען א דורכפאל, סיי מאָראליש און סיי מאטריעל. דער אמעריקאנער עולם איז נאָך ניט געשטאנען אויף דער קולטורעלער מדרגה, צו פארשטיין פראנצויזישע קלאסיקער אין דער אָריגינאלער שפראך. אויך האָט ראשעל ניט דערלויבט, אז מען זאָל מאכן ביליגע, שרייענדיקע אמעריקאנער רעקלאמע. דערצו האָט זי געשפילט אין קאלטע טעאטערס און אין איינעם אזא טעאטער אין פילאדעלפיא, האָט זי זיך פארקילט און דאָס

איז געווען דער אנהויב פון איר סוף. דערצו האבן די אמעריקאנער קריטיקערס, זי אראפ געריסן. ווען די פראנצויזישע פרעסע האט זיך דערפון דערוואוסט, האבן זיי געשריבן — „דו ביזט ניט ווערט צו זען דאס גרויסקייט, דו ביזט ניט בכוח צו פארשטיין אזא הייליקן שמערץ און אזא הויכע מאיעסטעט!“ די יידן אין אמעריקא זיינען געווען גליקליך, אז יום כפור איז ראשעל געזעסן אגאנצן טאג אין שיל, געפאסט און געדאווינט.

באלד נאך איר פארקילונג, האט זי אפגעבראכן דעם גאסטשפיל, באצאלט אלע טעאטערס דעם שאדן פאר ברעכן דעם קאנטראקט. בסך הכל האט זי ביי דעם אמעריקאנער גאסטשפיל פארלוירן 190 טויזנט פראנק און אהיים געקומען קראנק און צובראכן. עס איז אמת, אז ראשעל האט געהאט טויזנטער אמתע פריינט, זי האט אבער אויך געהאט הונדערטער שונאים, קנאה און אייפערזוכט צו דער „קליינער יידין“. זיי האבן זיך גאר גיך דערוואוסט פון איר דורכפאל און קראנקהייט, זיי האבן אפן ארויסגעוויזן זייער צופרידנקייט. ראשעל איז באלד געפארן קיין עגיפטן דארט צו פארברענגען דעם ווינטער. אירע בריוו וואס זי האט פון דארט געשריבן, קאן מען היינט טרעפן אין פארשידענע מוזעאומס און אויך ביי גרויסע קונסט־זאמלער. זי האט זער פיל געליינט דעם תנ״ך און אין די דאזיקע בריוו, רעט זי פיל פון גאט פון ישראל.

אויף יעדן געביט איז ראשעל געווען געלייטזעליקט פון גאט. אויפגעצויגן אין גאס, אן שום שול בילדונג, און דאך האט זי די אלטע פראנצויזישע קלאסיקער געגעבן א תיקון, האט זי אנגעטון א קעניגליך קלייד, איז זי געווען די גרויסע מאיעסטעט איז איר אמאל אין א אוונט איינגעפאלן נאך דער פארשטעלונג צו רעציטירן די „מארסלעיזע“ האט זי דאמיט גאנץ פאריז אנגעצינדן אין א העלישן פייער און דער טעאטער איז געווען חדשים לאנג באלאגערט, בלויז צו הערן ראשעלס רעציטאציע. איר אומגאנג מיט קעניגן, פרינצן און הויפסלייט, איז געווען ווי א געבוירענע פרינצעסין, איר אנטייל אין די סאלאנען און הויכע פענסטער, האט שטענדיק צוזאמען געבראכט די גרעסטע פערזענליכקייטן פון דער ליטעראטור. זי איז קיינמאל ניט געבליבן פארלעגן מיט אן ענטווער.

דעם שווערסטן קאמף האט זי געמוזט פירן אנטקעגן די גרויסע פערזענליכקייטן, וועלכע האבן זי געוואלט ברענגען „תחת כנפי הקירכע“. זי איז אפט געשטאנען אויף דער שארף פון א שווערט און טאקע נאר איר גרויסע פערזענליכקייט, האט זיך געקאנט ארויס דריין פון אזאלכע שווערע סיטואציעס. פון צייט צו צייט פלעגט זיך באוויזן אין דער פרעסע ידיעות, אז שוין, אט, אט, וועט ראשעל זיך אפזאגן פון יידישקייט. זי האט אמאל גאנץ שארף אנגעגריפן א ליטעראַרישע פערזענליכקייט און אים געפרעגט „מי שמך לאיש ?“ ווער האט דיר דאס דערלויבט ? וואס האט די פרוי אפגעהאלטן פון דעם שריט ? עס איז דאמאלס געווען א צייט ווען מען האט אנגעהויבן צו פרעדיקן — גאנצע אסימילאציע ! און יעדעס לאנד האט זיינס בייגעשטייערט. כמעט אין איין צייט האבן היינריך היינע און מענדעלסאן,ביידע פון דייטשלאנד זיך געשמדט. אין ענגלאנד דע איזראעלי, אין פראנקרייך זשאק אפענבאך



און די קינדער פון אדאלף קרעמיע, אבער ראשעל האט מוטיק געקעמפט אנטקעגן יעדן פרואוו זי אפצושמדן.

ראשעל האט געשפילט א ראל אין וועלכער זי גייט איבער צום קריסטליכן גלויבן. אין א אוונט ווען זי איז געווען פארבעטן אין א פאריזער סאלאן, האט מען אזוי אראנזשירט, אז דער בישאף פון פאריז זאל אויך דארט זיין און ווען זי וועט דעקלאמירן די סצענע פון דער משומדת, זאל דער בישאף אויסנוצן דעם שעת הכושר און זי מאכן פאר א קריסטין. ווען מען האט פארלאנגט, אז זי זאל דעקלאמירן די סצענע, האט זי געבעטן מען זאל איר מוחל זיין, וואס זי איז ניט ביכולת אין דער קעגנווארט פון דעם פרינץ פון דער קירכע, צו ברענגען די ערהאבענע ווערטער, ווייל סוף כל סוף בין איך דאך א יידין... אבער איך וועל אייך ברענגען א סצענע פון „קעניגין אסתר“, דאס איז א שטיק וואס זי פלעגט יעדן פורים שפילן. פארשטייט זיך, אז דער בישאף איז באלד אוועק געגאנגען. ממש ווי אין דער מגילת אסתר: „ופני המן חפו“. ראשעל האט געהאט קמיעות, אויך א טייערן רינג מיט העבראישער איינגראווירונג, זי האט זיך ניט פיל אינטערעסירט מיט יידישקייט, אבער שפעטערע יארן איז זי יום כפור געגאנגען אין שיל אריין.

דערווייל האט איר קראנקהייט זי ווייטער אנגעגריפן, אנהויב פרילינג 1857, איז זי צוריק געקומען אויף איר גוט, זי האט געזען, אז אירע וואכן זיינען געציילט. אזוי באלד זי האט זיך געפילט גוט, האט זי געשריבן בריוו און וועלכע דערהויבענע געדאנקן זי האט אין די בריוו ארויס געבראכט. אין א בריוו שרייבט זי, אז איר וואונטש איז, אז זי זאל גיין קיין ירושלים, ווייל זי וויל באזוכן דעם קבר פון אונדזער מאמע רחל, זי האט דאס ניט דערגרייכט. מיטן אנקומען פון הארבסט, האט זיך איר לאגע גאר פארשלעכטערט.

פילענדיק איר נאנטן סוף, האט זי געוואלט זען דעם הויפט רב, רבי איזידאר פון פאריז, מיט וועמען זי פלעגט פון צייט צו צייט צוזאמענקומען און ער האט זי מחזק געווען אין יידישקייט. זי האט אויך פאר זיין שיל געלד סומען געגעבן, באזונדערס האט זי די ספרי תורה׳ס באהאנגן מיט צירינג.

די גאנצע נאכט פון 2־טן יאנואר, האט ראשעל דיקטירט איר צוואה. דאן איז זי צוריק געפאלן אויף איר בעט, געשלאסן די אויגן און שווער געאטעמט. איר שוועסטער סארא, האט אין א פארצווייפעלטן בריוו צום רבי איזידאר געשריבן, אין וועלכן זי בעט, אז דער ראבינער זאל זיך אן נעמען פאר איר גרויסער און שיינער נשמה. עס איז איר שטארקער פארלאנג אייך צו זען. אין נאמען פון גאט, קומט און ברענגט איר טרייסט. מעגליך, אז איר וועט נאך קומען אין צייט, איר זייט דאך אונדזער וועג־ווייזער, בעט פאר איר, בעט פאר איר.

געענדיקט דעם בריוו, איז זי געלאפן קיין ניצע און פון דארט געבראכט א מנין יידן און ביים אנהויב פון גסיסה, זיינען זיי אריין געגאנגען און געזאגט די פארגעשריבענע תפילות. ראשעל האט האלב געעפנט די אויגן און מיט א שוואכער אבער קלארע שטימע, האט זי געזאגט „שמע ישראל“ און אזוי לאנג

אירע ליפּן האָבן זיך באַוואָיגן, האָט זי געמורמעלט „שמע ישראל“. זי האָט געהאַלטן דעם ראַבינערס האַנד, וועלכער האָט געריכט די פּאַסיקע תפילות. זי האָט געשלאָסן אירע אויגן דעם 3־טן יאַנואַר 1858. די עלטרן זייבען ניט געווען ביי איר טויט, ראַשעל האָט זיי געוואָלט פאַרשוינען פון די ליידן.

אין א וואָך אַרום איז געווען די לוויה און הגם ס׳איז געווען א נאַסקאַלטער מאָרגן, פונדעסטוועגן האָבן אַן ערך פון הונדערט טויזנט מענטשן, זיך באַטייליגט אין דער לוויה. זעקס הונדערט קאַרעטן זייבען נאָך געפאָרן דעם אָרון, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן דריי קרוינען. א גאָלדענע, א לאָרבער און פון ציפּרעסן. צווישן די וועלכע האָבן געטראָגן דעם אָרון, איז געווען אַלעקסאַנדער דומאַס, הגם ער איז אָפט געווען אין לאַגער פון ראַשעלס שונאים. ביים אָפענעם קבר האָט בלויז גערעדט דער ראַבינער און דער ערשטער קריטיקער יאַנין, וועלכער איז איר געבליבן געטריי אָט די אַלע יאָרן.

ביי דער לוויה איז בלויז געווען דער יונגערער זון, אים האָט געפירט ביי דער האַנד, דער שוישפּילער מיכאַל לעווי, א איבערגעבענער פריינט פון די ערשטע באַוואונדערער, ביז צו דער לעצטער מינוט. כדאי צו דערמאָנען אַן עפּיזאָד — מיכאַל לעווי האָט אַמאָל געבעטן א פריי־בילעט ביי ראַשעל, האָט זי אים געגעבן עטליכע ווערטער צום דירעקטאָר פון „קאָמעדי פראַנסעי“ וואו ס׳איז געווען געשריבן — איך בעט א פריי־בילעט פאַר מיכאַל לעווי, „שיק דיין ברויט אויפן וואַסער, נאָך פיל טעג וועסטו דאָס ניט צוריק באַקומען . . .

דריי חדשים נאָך איר טויט, האָט מען איר הויז מיט אַלע בילדער, קונסטזאַכן און קליידער, פאַרקויפט דורך א ליציטאַציע. טויזנטער מענטשן האָבן געוואָלט אַריין, כדי עפּעס אַן אָנדענק פון דער גרויסער קינסטלערין צו באַקומען. נאָכן פאַרקויף פון איר באַוועגליכן פאַרמעגן, האָט זי איבערגעלאָזט די סומע פון 1 און א האַלב מיליאָן פראַנק. א העלפט פון איר פאַרמעגן האָט זי איבערגעלאָזט די צוויי קינדער, איין פירטל די עלטערן און איין פירטל צו די שוועסטער און ברודער. דער פאָטער האָט דער יידישער געמיינדע געגעבן 5 טויזנט פראַנק.

דער עלטערער זון אַלעקסאַנדער, האָט אָנגענומען די דיפּלאָמאַטן קאַריערע און דער צווייטער זון גבריאל, האָט פרינץ נאַפּאָלעאָן אַריינגעגעבן אין דעם פּלאַט. ביידע האָבן געפירט א פיין רואיק לעבן. גבריאל איז יונג געשטאָרבן און אויך אַלעקסאַנדר האָט ניט דערגרייכט קיין הויכן עלטער. איר ברודער רפאל איז אויך יונג אַוועק פון דער וועלט און דינה, די לעצטע פון דער פאַמיליע איז אין יאָר 1909 געשטאָרבן און אַזוי איז ווי א רויך פאַרשוואונדן די גאַנצע פאַמיליע פעליקס, עס איז בלויז געבליבן א ווערטפול בילד, וועלכס הענגט אין דער „קאָמעדי פראַנסעי“ און א רייכע ליטעראַטור, פון ראָמאַנען און ביאָגראַפיעס פון דער „קליינער יידין“ ראַשעל.



י. ריכטיגער

# יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע

## 3־טער קאַפּיטעל

## די תורה און די מפרשים

דער דריטער קאַפּיטעל פון בראשית געהערט צו דער זעלבער מסורה וואָס דער צווייטער, און אין המשך מיטן צווייטן ווערט אין אים באַשריבן די גייסטיקע עוואָלוציע פון מענטש אויף א דיכטערישן אופן מיט א רעאַליסטישן אונטערגרונד. אין צווייטן קאַפּיטעל איז דערציילט געוואָרן, אַז „דער אַלמעכטיקער האָט דעם ערמאַפּראַדיט־מענטש באַפוילן — ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו כי ביום אכלך ממנו מות תמות“: פון דעם בוים פון וויסן גוט און שלעכט זאָלסטו ניט עסן, ווייל אין טאָג דו וועסט עסן פון אים וועט די שרעק פון טויט געגעבן ווערן אין דיין האַרץ“. (בראשית ב׳ לויט קהלת רבה פ׳ ג׳—ט״ו „רבי יונתן־פחדתו של מלאך המות נתן בלבם).

פאַקטיש איז די שפּייז פון יעדן מין לעבעדיקן באַשעפעניש בייגעפּאַסט צו זיין נאַטור, און דער איינגעבוירענער אינסטינקט צו דערהאַלטן יעדן מין אַזוי ווי ער איז לאָזט אים ניט פאַרענדערן זיין דיעט: לייבן זאָלן עסן היי און עלעפאַנטן זאָלן עסן פלייש. דעריבער איז מען באַרעכטיקט אָנצונעמען, אַז דער הערמאַפראַדיט־מענטש האָט אויך געהאַט א ספּעציעלע דיעט און דער איינגעבוירענער אינסטינקט צו דערהאַלטן זיין מין אַזוי ווי ער איז האָט אים ניט געלאָזט עסן פון עץ הדעת. די אינטערפּרעטאַציע פון דעם פאַרבאָט איז אין איינקלאַנג מיט דער מיינונג פון די מפרשים, אַז אויף דעם עץ הדעת זענען געוואַקסן געוועהנליכע פרוכטן, לויט רבי מאיר — א סאָרט ווייץ אָדער ברויט־פרוכטן און לויט אַנדערע — ווייַנטרויבן, אתרוגים אָדער פייגן, (בראשית רבה ט״ו־ח׳) וואָס וויל זאָגן: אַז די פרוכטן פון עץ הדעת האָבן אין זיך זעלבסט ניט געהאַט קיין אייגנשאַפט צו פאַרענדערן די גייסטיקע פעאיקייטן פון מענטש, נאָר די פאַרענדערונג איז געקומען דורכן בראָכן דעם איינגעבוירענעם אינסטינקט צו דערהאַלטן זיין מין אַזוי ווי ער איז.

נאָכדעם ווי עס האָבן זיך געהאַט אַנטוויקעלט פון דעם הערמאַפראַדיט־מענטש באַזונדערע סעקסן, האָט איינמאָל א פרוי בעמערקט א שלאַנג, געריננגעלט אויף דעם פאַרבאָטענעם בוים שאָקלען פרוכטן פון די צווייגן מיט א ווילדן ציש, האָט זי אויפגעהויבן עטליכע פון די פרוכטן און זעענדיק, אַז זיי זענען גוט צום עסן, גליסטיק פאַר די אויגן און אָנגענעם אָנצורירן, האָט זי געבראָכן דעם איינגעבוירענעם אינסטינקט פון איר מין: זי האָט געגעסן פון זיי און געגעבן איר מאַן צו עסן. דערפאַר איז דאָס מענטשן־פּאָרעל געוואָרן די ערשטע פון א נייעם מענטשן־מין, וועלכער ווערט ניט געפירט פון אַן אינסטינקט, ווי אַלע אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן, נאָר ער זעלבסט ווייס צו אונטערשיידן צווישן גוט און שלעכט. (בראשית רבה פכ״א־ה׳ „רבי חנינא“ . . .).

דער וויסן צו אונטערשיידן צווישן גוט און שלעכט האט, לויט די מפרשים, דערוועקט ביי דעם מענטשן־פארעל „אן עראטישן באגערן צו זייער גליסטן: פריער אז זיי האבן זיך ניט געזען האט איינער צום צווייטן ניט באגערט, הערנאך צו זיי האבן זיך געזען, צו ניט, האט איינער צום צווייטן באגערט". (בראשית רבה פכ"ג־ו׳) דאס הייסט: עס איז אין זיי אנטשטאנען א כח המדמה — א פארשטעלונגס־קראפט, וואס האט געטראכט וועגן געשעענישן און אביעקטן וועלכע זיי האבן א מאל געזען, אדער וועגן פארגענוגן און לייד וואס זיי האבן א מאל געהאט, און אויך זיך מאכן אילוזיעס וועגן דער צוקונפט אין ליכט פון דער פארגאנגענהייט.

דער רעזולטאט דערפון איז געווען — א שטענדיקער פחד זיי זאלן ניט פארלירן דעם פארגענוגן אדער לעבן, און א דויערנדיקע אנשטרענגונג אויסצוקלערן מיטלן זיך צו באשוצן און פארטיידיקן, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין תורת משה: „געווען זענען ביידע נאקעט, דער מאן־מענטש מיט זיין פרוי, און זיי האבן זיך ניט באהאלטן". (בראשית ב׳, „יתבששו" פון שורש „בשש", לויט בראשית רבה פי׳ ח׳־ט׳) אבער ווען נאכן עסן פון עץ הדעת „האבן זיך געעפנט די אויגן פון ביידע און זיי זענען באוווסטזיניק געווארן פון זייער נאקעטקייט, האבן זיי צונויף געהאפטן פייגן־בלעטער און זיך געמאכט גירטלן", בראשית ג׳) צו פארהעקן זייערע געשלעכטס־ארגאנען, אום די חיות זאלן זיי ניט זען און גליסטן צום מקור פון זייער פארגענוגן. (ירושלמי מגילה פ"ד ה"א „די תקנות פון עזרא" און בראשית רבה פי׳ ח־י׳, כ׳־ו׳).

די שרעק פאר דער נאקעטקייט איז אבער געבליבן ביים מענטשן־פארעל, אפילו נאכן ארום גירטלן צו באשיצן דעם מקור פון זייער פארגענוגן. מיטן גערויש פון אווענט־ווינד האט זיך געטראגן צו זיי א קול, ווי דער אלמעכטיקער שפאצירט אין גארטן און אז זיי האבן זיך באהאלטן פארן אלמעכטיקן צווישן די ביימער, האט דער קול זיי דערגרייכט אין זייער באהעלטעניש מיט א גערוף צום מאן־מענטש — ווי ביזטו? און אויף זיין ענטפער — איך האב געהערט דיין קול אין גארטן און מורא געהאט, ווייל איך בין נאקעט, האבן פון אלע זייטן געקלינגען ·שפעטענדיקע שטימען אין זיינע אוירן — ווייל דו האסט געבראכן דעם איינגעבוירענעם אינסטינקט פון דיין מין און געגעסן פון עץ הדעת, איז צו דיר אנטפלעקט געווארן דיין נאקעטקייט. (בראשית רבה פי׳ ט־ט"ד, „שמעו קולן של אילנות שהיו אומרים הא גנבא דגנב דעתיה דברייי".) ער האט זיך פארטיידיקט — אז זיין פרוי האט אים געגעבן די פרוכטן צו עסן, און די פרוי — אז די שלאנג האט איר פארפירט... דאך האבן זיי הערמיט ניט געקאנט איינשטילן די רעיונות אין זייער כח המדמה וועגן די געפארן וואס לויערן אויף זיי און די שוועריקייטן פון לעבן.

געזען האבן זיי, אז דער אלמעכטיקער האט פארשאלטן די בויך־קריכענדיקע שלאנג מער ווי אלע אנדערע ווילדע חיות, די ווילדע חיות פארצוקן ווען זיי זענען הונגעריק און זי — די שלאנג עסט ערד, דאך זוכט זי צו בייסן מענטשן... געטראכט האט די פרוי וועגן אירע ווייען ביי דער געבורט פון



קינדער און מאטערנישן צו דערציען זיי, דאך ציעט איר צו איר מאן... באמערקט האט דער מאן־מענטש הערנער און אומקרויט ארויסשפראצן פון דער ערד, דאך מוז ער מיטן שווייס פון זיין פנים אקערן און זייען אום ער זאל פראדוצירן זיין ברויט... א לאנגע צייט איז פארגאנגען ביז זיי האבן זיך בארואיקט פון דער דערשיטערונג, עס איז פאראנען א מיינונג, אז „חוה הראשונה חזרה לעפרה": דער הערמאפראדיט־מענטש, אדער די ערשטע מוטער פון נייעם מענטשן־מין וועלכער ווייס אז ער לעבט, איז אינצווישן געשטארבן. (בראשית רבה פכ"ב־ט"ז) דערווייל איז זיי איינגעפאלן צו מאכן פאר זיך העמדער פון פעל, ווי פיל פרימיטיווע מענטשן טראגן נאך ביזן היינטיקן טאג, אום זיי זאלן ניט אויסזען נאקעט קעגן איבער האר באוואקסענע חיות.

אויך צו דעם דריטן קאפיטעל פון בראשית האט תורת משה בייגעגעבן א דערקלערונג — „ויאמר ד׳ אלקים הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע"... נאר די מפרשים זענען ניט אייניק צווישן זיך וועגן דעם טייטש פון טערמין „ממנו". פפוס בן יהודה האט דעם ממנו פארטייטשט „פון אונז" און זיין קאמענטאר אויף דעם אויבן ציטירטן פסוק איז — „דער אור־מענטש איז געווען אזוי ווי איינער פון די מלאכי השרת", דאס הייסט: ער האט געלעבט אייביק ביז ער איז קארופטירט געווארן דורך זיין קומען צו וויסן גוט און שלעכט, דער טייטש האט אין זיך פאנטעאיסטישע יסודות... אבער לויט תורת משה, איז דער מענטש לכתחילה באשאפן געווארן ער זאל קערפערליך און גייסטיק פעאיק זיין צו באצווונגען די עלעמענטן, באהערשן אלע לעבעדיקע באשעפענישן, קולטיווירן די ערד און אויפבויען א ציוויליזאציע. (בראשית א׳ און ב׳, ישעיה מ"ה־י"ח) נאר דער מענטש האט ניט אויסגענוצט זיינע איינגעבוירענע פעאיקייטן: ער איז ארום געקראכן אין דעם ערדישן דזשונגעל גן עדן און האט זיך הערנערט מיט ווילדע פרוכטן פון די ביימער, אזוי ווי אלע אנדערע לעבעדיקע באשעפענישן.

דעריבער האט רבי עקיבא דעם טערמין „ממנו" פארטייטשט „פון אים" און זיין קאמענטאר אויף דעם פסוק „הן האדם היה כאחד ממנו" איז א מאנאטעאיסטישער. — „שנתן המקום לפניו שני דרכים, דרך החיים ודרך המות, ובירר לו דרך אחרת": ווען דער אורמענטש האט זיך הערנערט מיט די ווילדע פרוכטן איז ער געווען ווי איינער פון די מינים לעבעדיקע באשעפענישן — אין דעם גראנגעל פאר זיין עקזיסטענץ האט אים דער אלמעכטיקער געגעבן צוויי וועגן, ער זאל בלייבן אייביק לעבן אין חיה׳שן גן עדן אדער ער זאל אויסשטארבן און פארשווינדן, ווי מאנכע פון די פארצייטישע מינים לעבעדיקע באשעפענישן, ער האט אבער זיך אויסגעוויילט אן אנדערן וועג — „לדעת טוב ורע": צו וויסן גוט און שלעכט. (בראשית רבה פכ"א־ה׳, דאס איז די ריכטיקע גירסא, ניט אין שיר השירים רבה א׳־מ"ו) מחמת דעם איז ער פארטריבן געווארן פון חיה׳שן גן עדן און זיינע דורות נאך אים האבן ווייטער די בחירה, אויפצובויען די וועלט זי זאל ווערן א מענטשליכער גן עדן, אדער

צו פארניכטן איר מיט פייער און שווערד אום זיי זאלן קאנען צוריק קערן אין חיה׳שן גן עדן . . . „ואת להט החרב המתהפכת לשמר את דרך עץ החיים״ . . . (בראשית ג׳.)

דערמיט האט תורת משה פארענדיקט די אלט־העברעאישע מסורה וועגן דער קערפערליכער און גייסטיקער עוואלוציע פון מענטשן־מין, ווי אויך האט זי, לויט די מפרשים, דערמיט אפגעשלאסן די באשאפונגס פעריאדן, וועלכע זענען בארעכנט געווארן „למנינו של עולם: אין קאסמאס טעג, אדער ליכט־יארן טעג, און „מיכן ואלך מונין למנין אחר״: פון דאנען און ווייטער ווערט די כראנאלאגיע אין תורת משה גערעכנט מיט אן אנדערן רעכענונג — מיט ערדישע טעג. (בראשית רבה פ״ט־ט״ז.)

## מ. מינדעל

## קולטור-טעטיקייט ביים ארבעטער-רינג

גאר אינגיכן ווערט פופציק יאר זינט דער ארבעטער־רינג האט אנגעהויבן זיין עקזיסטענץ, און פון דער סאמער גרינדונג אן ביז צום היינטיקן טאג פארנעמט די פראגע פון קולטור און אויפקלערונג א העכסט חשובן ארט אין זיינע אקטיוויטעטן.

במשך די ערשטע יארן, ווען די צאל מיטגלידער איז געווען קליין, האט מען, נאטירלעך, ווייניק אויפגעטון אויפן געביט פון קולטור. דער בילדונגס־קאמיטעט האט זיך באגנוגנט מיט בלויז פאראנשטאלטן רעפעראטן און סתם ליטערארישע אוונטן.

אבער ווען די צאל מיטגלידער האט גענומען שטייגן איז, ממילא, די קולטור־פראגע געווארן פיל אקטועלער. אזוי האט מען גענומען דיסקוטירן כלערליי פלענער אין שייכות מיט די אנערקענטע פרינציפן פון א קולטור־טעטיקייט, דערקלערנדיק דעם ארבעטער־רינג ווי א באשטאנדטייל פון דער אלגעמיינער ארבעטער־באוועגונג, וואס באזירט זיך סאי אויף סאציאליסטישע סאי אויף דעמאקראטישע יסודות. מיר זענען נישט קיין פארטיי, נאר מיר זענען פאר דער אידעאלאגיע בנוגע די ארבעטער־אינטערעסן, וואס האבן צו טון מיט סאציאלן יושר.

דער צענטער גופא איז איבערפארטייאיש, בעת די ברענטשעס מעגן פירן אפילו א פארטיי־טעטיקייט אין הסכם מיט זייערע אריענטאציעס.

נאך דער דערעפענונג פונם „סערקל האוז״ איז דער ארבעטער־רינג געווארן גאר אקטיוו; עס האט זיך געפילט א לעבהאפטע באוועגונג אין אלע ווינקעלעך. אין דער תקופה פון 1924 ביז 1939 האט מען כסדר איינגעארדנט רעפעראטן, ליטערארישע אוונטן, קאנצערטן. די ביבליאטעק איז געוואקסן ביז עס האבן זיך אנגעזאמלט אייגיקע טויזנט ביכער אויף יידיש און ענגליש. עס האט אפילו פונקציאנירט א זונטאג־שולע, מיט פראפעסיאנעלע לערער פון אלגעמיין וויסן און אויך מוזיק.

אמאטארן גרופעס האבן פון צייט צו צייט אדורכגעפירט פארשטעלונגען



אויף ענגליש פאר די ענגליש־רעדנדיקע מיטגלידער, און יידישע סקעטשעס פאר יידיש־רעדנדיקע מיטגלידער. אויך זענען איינגעארדנט געווארן זער אפט אינסצעניזאציעס פון קינדער. אונזערע קאנצערטן פון קלאסישער מוזיק יעדן זונטאג זיינען געשטאנען אויף א הויכן ניווא און האבן זיך קונה שם געווען.

מיר האבן געהאט פארבינדונגען מיט פארשיידענע אינלענדישע און אויסלענדישע אינסטיטוציעס, אזוי, אז אסך שרייבער, כלל־טוער און קינסטלער פלעגן זיך אפט צו אונז ווענדן אדער קומען צו גאסט. עס איז פשוט נישט מעגלעך דא אויסצורעכענען די נעמען פון אט די אלע פערזענלעכקייטן.

פאר אונזער הויפט־אויפגאבע האבן מיר זיך געשטעלט איינצוארדנען קורסן איבער ליטעראטור און געשיכטע אויף יידיש און אויך אויף ענגליש. צו דעם צוועק זענען מיר געווען אנגעשלאסן אין דעם ענגלישן „נעישיאנאל לייבאר־קאלעדזש״, פונוואנען מיר האבן באקומען צוגעשיקט די געהעריקע רעדנער.

אסך מי און אנשטרענגונג האט אונז געקאסט אט די ארבעט פון בילדונג און קולטור, אבער זי איז געווען וויכטיק און אינטערעסאנט ביז גאר.

אויך האבן מיר זיך אקטיוו באטייליקט אין כלערליי קאנפערענצן און געזעלשאפטלעכע אונטערנעמונגען, ווי יידיש טעאטער, ייווו״א און בן־אורי קונסט־גאלעריע.

אונזער קול האט מען געקאנט הערן אין גאס. באריכטן איבער די טעטיקייטן אונזערע זענען דערשינען אין מערערע צייטשריפטן, און האבן דערגרייכט ארבע פנות עולם.

מיר האבן ארויסגעגעבן מאקס עריקס א בראשור: זעקס רעפעראטן איבער דער אנטשטייאונג פון דער יידישער שפראך; לעא קעניגס א בוך: פאלק און ליטעראטור; און דער בראנטש נומער 10 פלעגט ארויסגעבן יעדן חודש א העקטאגראפירטן ביולעטין: א. ג. 10 בראנטש.

דער קאמיטעט פאר בילדונג איז געווען צענטראליזירט, און זיין הכנסה איז באשטאנען פון א האלבער פעני פער מיטגליד פונם ארבעטער־רינג יעדע וואך. אבער ווען די מלחמה האט זיך געענדיקט האבן די בראנטשעס אויף דער פראווינץ אויפגעהערט אריינצושיקן די באשטייערונג קיין לאנדאן, אזוי, אז דער קאמיטעט האט באקומען זיין הכנסה בלויז פון די לאנדאנער מיטגלידער אליין.

איצט שטייען מיר פאר א נייער עפאכע אין אונזער געשיכטע. מיר האבן שוין מער נישט קיין זאאל און אויך נישט, בכלל, די מעגלעכקייטן פון אמאל. דאך גיבן מיר נישט אויף אונזערע באמיאונגען אויפסניי אויפצולעבן אט די קולטור־ארבעט, וואס איז אין דער איצטיקער צייט פיל נוטיקער ווי פריער! באמיט זיך טאקע דער קאמיטעט צו באנייען זיין טעטיקייט.

זאל דער עולם הערן, אז מיר לעבן און גיבן זיך די מי ווידער אויפצולעבן אונזער אמאליקע טעטיקייט, וואס וועט אן ספק בלייבן ווי א ליכטיק קאפיטל אין דער געשיכטע פונם ארבעטער־רינג!

# א. א. ראבאק

## עטלעכע אויפקלערונגען וועגן „א קיצור איבער דער היינטיקער יידישער ליטעראטור"

אין דעצעמבער 1957 נומער פון „לשון און לעבן" לייען איך א ראצענזיע וועגן מיין ביכל פון שלמה אויערבאך, וואס איז פאר מיר א נייער נאמען. קאנטיק אז ער לערנט זיך נאך שרייבן יידיש, מחמת די אנגליציזמס, דייטשמעריזמס (מיט א קאוונער אונטערשלאק) און העברעיזמס, וואס מע טרעפט דא לרוב. די רעצענזיע גופא אבער איז אנגעשריבן געווארן מיט אויפריכטיקייט און א סך מער דרך ארץ פארן יידישן ווארט ווי א פאר באקאנטערע שרייבערס האבן געוויזן, דערפאר איז ממש א חוב צו נעמען דעם רעצענזענטס קשיות אין באטראכט.

קודם כל איז שווער צו פארשטיין פארוואס רעצענזענטן לייענען ניט אזא נאטיץ ווי אז דאס ביכל איז א קיצור. נאכמאל און נאכמאל מוז איך איבערחזרן אז גאנצע 8 קאפיטלען זיינען ארויסגענומען געווארן דורך דעם מקצר, און כמעט אלע אנדערע קאפיטלען זיינען שטארק געקירצט געווארן. די מערסטע איבערזעצונגען מיינע פון דער פאעזיע און טייל פון דער פראזע זיינען אויסגעשניטן געווארן.

איצט וועגן מחברס מאטיוו ביים פלאנירן דאס בוך. אזוי ווי עס איז געווען אויסגערעכנט אויף העכער 400 זייטן — א 300 האב איך געהאט געשיקט קיין לאנדאן — האט דאס בוך געזאלט געבן א בילד פון דער נייערער בעלעטריסטיק (דערציילונגען, ראמאנען, פאעזי, דראמע). קיין געשיכטע האט עס ניט געזאלט זיין.

דעם קיצור, וואס איז געמאכט פון ש. גאלדשמידט, האב איך בלויז קאנטראלירט אויף ניט דורכצולאזן גרייזן. זיך שפארן איבער דעם צי אויסלאזן די פאראגראפן אדער יענע וואלטגעקאנט האבן א זינען ווען די בעלי דבר זיינען גיט צעשיידט איבער אן אקעאן.

דערפאר קאן מען דאס ביכל באטראכטן ווי א סטימול־מיטל, א מין אר ד'עוור (hors d'oeuvre) וואס זאל צוגעבן אפעטיט. די רעכטע סעודה דארף קומען שפעטער.

פאר וועמען איז געשריבן דאס בוך? (מיין כתב יד איז טאקע געווען א בוך קיין עין הרע). איך האב כסדר געהאט אין זינען דעם אידישען סטודענט, דעם געבילדעטן גוי, וואס וויל באקומען א שטיקל ידיעה פון דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראטור, און וואס וואלט וועלן לייענען אביסל פון דער בעלעטריסטיק אין ענגליש.

אזא מין מענטש דארף מען ניט דולן א קאפ מיט חקירות וועגן רעאליזם, נאטוראליזם א. אז. וו. נאר דערציילן אביסל וועגן די מחברים און זייער פלאץ, אין פערספעקטיוו און אויך אנגעבן געוויסע פרטים וועגן זייערע שאפונגען. ווייטער זאל דער רעצענזענט פארגעדענקען אז דאס ביכל איז וועגן דער היינטצייטיקער ליטעראטור, און אויך אז דאס איז א המשך פון מיין סטארי אוו יידיש ליטערעטשור, האב איך ניט געפונען פאר נויטיק איבערצוחזרן וואס עס שטייט דארטן.



דאס וועט פארענטפערן די קשיא פארוואס האב זיך ניט פארנומען מיט בערגעלסאנס און דעם נסתר ווערק, געשריבן אין פוילן. דאס קאפיטל איז דאך געווען וועגן דער סאוויעטישער יידישער ליטעראטור. וועגן דער פריערדיקער תקופה קאן דער לייענער געפינען אין בוך פון 1940.

מיין רעצענזענט איז קשה מיין זאץ אז „מענדעלע רעדט צו די אידן, שלום עליכם שרייבט פאר זיי און פרץ שרייבט וועגן זיי". ער איז מסופק צי איך האב דורכגעלייענט דעם פסוק וואס איך האב אליין אנגעשריבן. גראד אט דער זאץ שטאמט פון מיין גרויסן בוך פון 1940. אזא כאראקטעריזירונג לאזט זיך איבערחזרן, אבער ניט נאר האב איך דורכגעלייענט דעם דאזיקן זאץ, אבער אפילו די ייוו"א קאמיסיע, באשטייענדיק פון דר. שאצקי, דר. ווײנרייך און יודל מארק, וואס האט בודק געווען יעדן ווארט און טאקע ארויסגענומען גאנצע פאראגראפן האבן דעם דאזיקן זאץ דורכגעלאזן, איז דאך א סימן אז ער איז ניט אזוי אויסטערליש. גאר אזוי ווי ס'איז דעם רעצענזענט קשה, וויל איך אים פארטייטשן דאס וואס ער האט אייגנטלעך באדארפט אויפנעמען אינטואיטיוו.

נאטירלעך איז יעדע פארמולירונג אביסל שארף, און מען מוז פארשטיין אז דא האנדלט זיך אין אן עיקר. מענדעלע האט, דער עיקר, גערעדט צו זיינע אידן, ער האט זיי געמוסרט, געשטראפט. אין ענגליש זאגט מען: He gave them a talking-to שלום עליכם האט געשריבן פאר די אידן. ער האט געוואלט פארווילן, אבער פרץ האט זיך דערהויבן איבער מדינות און תקופות און געשריבן וועגן אידן אויף אן אוניווערסאלן אופן, אזוי אז אים קאן מען פארשטיין אין אלע לשונות, בעת מענדעלע און שלום עליכם האבן בלויז געזען זייער אייגענע בני־דור. ווען ער שרייבט זיינע פאלקסטימלעכע געשיכטעס, שרייבט ער וועגן אזעלכע אידן וואס ער האט ניט געזען. ער איז זיי משיג אנדערש ווי ווען ער וואלס געווען פנים אל פנים מיט זיי. ער איז אפגעשיידט אין א מין עולם אצילות. קאן דא ניט זיין קיין רייד פון שרייבן פאר זיי אדער רעדן צו זיי. אין ענגליש וואלט דער אופן געהייסן „דיטאטשט" (detached)

פארוואס איך גיב אפ מער פלאץ פאר דער אמעריקאנער יידישער ליטעראטור? גאנץ פשוט: די ליטעראטור איז דא מער קאנצענטרירט. מען ווייס איבער דער וועלט מער פון די נויארקער יידישע שרייבערס. חוץ דעם זיינען זיי א סך מער איבערגעזעצט אויף ענגליש, און דאס בין איך מכוון, אז דער לייענער פון ביכל זאל קאנען אנהאלטן זיין חשק. אבער צי קאן מען אש'ן אנרופן אן אמעריקאנעם יידישן שרייבער? און אין קאפיטל איבער דער סאוויעטיש־יידישער ליטעראטור האב איך דאך אויך זיך א סך אפגעשטעלט אויף דעם תוכן און איבערגעגעבן דעם תמצית. (פארשטייט זיך אז די אמערי־

קאָנער סצענע וועט פאַראינטערעסירן דעם ענגלישן לייענער גיכער ווי די ארגענטינער אָדער פוילישע סצענע).

שלעכט ציטירט מיך דער רעצענזענט ווען ער שרייבט פון מיר ארויס „די ייד". ליטעראַטור, ניט איר שוועסטער, די העברייאישע איז די ריכטיקע יורשטע פון דער אלט־העברייאישער ליטעראַטור" דאָס איז אן אויסטייטשונג ניט קיין ציטאַט. אָט איז וואָס איך האָב געשריבן: (אויף זייט 12, 12־טער פאַראַגראַף) „יעדע ליטעראַטור טראָגט דעם חותם פון איר כלל, באַזונדער איז דאָס גילטיק בנוגע דער בעלעטריסטיק . . . אָבער די יידישע ליטעראַטור, מער ווי איר עלטערע שוועסטער, די עברעאישע ליטעראַטור, איז באַהאָפטן מיט א געוויסן גורל, און אין אָט דעם פרט שיינט זי צו זיין אן עכטער אויסדרוק פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון דער אלטער עברעאישער ליטעראַטור".

אין דעם שטעקט ניט קיין פאַרטייאישקייט. איך מיין אז אין גאַנג פון דער נייערער עברעאישער ליטעראַטור איז געלעגן א מין צופעליקייט, א סתמ'קייט. דער עיקר איז געווען די שפּראַך, בעת אין דער יידישער ליטעראַטור איז אַלמאָל טשוואַך געווען תוכן און פאַרשיידנמיניקייט, וואָס האָט זיך צעוואַקסן ווי א סטיכיע דורך היסטאָרישע תנאים (פּאָליטישע פּאַרטייען, רעוואָלוציע, א. אז. וו.) אין דער עברעאישער ליטעראַטור איז דער אימפּולס געקומען פון יחידים וואָס האָבן קינסטלעך ארויפגעצוואונגען זייערע באַרעכנטע באַגערן און האָבן געהאַט ווינציק השפעה אויף דער סביבה. אין דער יידישער איז געקומען צום אויסדרוק דאָס פאָלק; ביי דער עברעאישער האָט זיך אויסגעאַרבעט א מין משכּילישע כּהונה (פאַרשטייט זיך אז אין ארץ ישראל איז שוין די לאַגע ווידער א פאָלקישע, אָבער די יידישע שיינע ליטעראַטור איז נאָך אַלץ אין דער מעלה).

ניט אמת איז אז ביי מיר שטייט די כמות העכער ווי די איכות. אוודאי איז דעם רעצענזענטס זאָגעכטס אז „ער לויבט שלום אַש נישט אזוי פאַר זיין קונסט נאָר פאַר זיין גרויסן באַנעם" ניט אין הסכם מיט די פאַקטן. עס איז קיין פראַגע ניט אז ער איז געווען א קינסטלער בחסד עליון, אָבער דאָס וואָס ער האָט געקאָנט שאַפן ביזן טיפן עלטער בעת ל. שפּירא, אפילו ווען ער זאָל האָבן פונקט אזוי פיל טאַלאַנט, האָט זיך אויסגעברענט, אָדער נאָמבערג, וואָס איז געווען א פקח אָבער איז ניט געקומען לקרסולי אַש, האָט אפילו אין זיין בעסטער תקופה ווינציק געגעבן, איז דאָך א סימן מובהק אז אַש שטייט ליטעראַריש העכער. דער ענגלישער פּאָעט, טאָמאַס גרעי, האָט אונדז געגעבן א קורצע פּאָעמע („עלעגיע געשריבן אויף א דאָרפישן בית־עולם") וואָס איז א מייסטערשטיק, הן אין תוכן הן אין פאָרעם, פונדעסטוועגן צוליב זיין קנאַפן שאַפן, געפינט מען אים ניט אין מזרח פון דער ענגלישער ליטעראַטור.

ווי אזוי דער רעצענזענט קאָן זאָגן „אויך ווייסנבערג קריגט אַ שלעכטן נאָכרוף" איז מיר פשוט אַ רעטעניש. אדרבא, סיי אין מיין גרויסן בוך פון 0491, סיי אין מיין איצטיקן האָב איך אים כאַראַקטעריזירט מיט שבחים, און דערציילט אז די מערסטע כתבים זיינע זיינען פאַרברענט געוואָרן. פאַרוואָס



לייענט מען ביי אונדז אזוי כאַפּיעציק?

נאָך עפּעס: וועגן איכות קאָן מען זיך שפּאַרן א יאָר מיט א מיטוואָך און ניט קומען צו קיין טאָלק, אָבער וועגן כמות לאָזט זיך ניט דעבאַטירן. אויב אָפּאַטאָשו וואָלט אָנגעשריבן נאָר די פוילישע וועלדער, וואָלט ער ניט געגאָלטן ווי איינער פון אונדזערע בעסטע ראָמאַניסטן. דאָס זעלבע איז מיט שניאורן און י. י. זינגערן. ווען שעקספּיר וואָלט אָנגעשריבן בלויז האַמלעט, וואָלט מען אים ניט בעהאַלטן פאַרן גרעסטן דראַמאַטורג. פאַרשטייט זיך אז צו כמות דאַרף זיין איכות. ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט: other things equal ד. ה. אויב די איכות גלייכט זיך אויס, איז די כמות אַן עודף.

כּדי די לייענערס זאָלן האָבן א שטיקל השגה פון דעם וואָס איז געווען אין צוגעשיקטן כתב־יד, וועל איך בלויז אויסרעכענען עטלעכע פון די קאַפּיטלען וואָס זיינען אויסגעלאָזן געוואָרן: 1. די באַלאַדע, 2. דער האָנעט און אַנדערע פּאָרעמס, 3. די ווינציק ער באַקאַנטע פּאָעטן, 4. דער ראָמאַנטיזם, 5. יונג־ווילנע, 6. פינסקי און די יידישע דראַמע, 7. די פאַבל, 8. „מען און לעטערס".

## דאראַטעא קרוק

## ביאָגראַפישע נאָטיץ •

דעם עיקר איינדרוק, וואָס מיין מאַמע האָט איבערגעלאָזט אויף אירע קינדער, איז געווען פון א קאָמפּליצירטער, געפייניקטער נאַטור, פול מיט פאַרבאָרגענע ליידן, וואָס סאַי איר מאַן סאַי אירע קינדער, איינגעשלאָסן אירע באַקאַנטע, זענען נישט געווען ביכולת צו לינדערן. זי האָט געהאַט ווייניק פון א פאַרמעלער בילדונג, אָבער ווי די מערסטע אייראָפּעער איז זי געווען זער באַלעזן, האָבנדיק געלייענט די גרויסע רוסישע, דייטשע און יידישע שרייבער. איך האָב דעם איינדרוק, אז זי וואָלט געוואָלט מאַכן א ליטעראַרישע קאַריערע, און איז געווען ביטער אַנטוישט ווייל די באַדינגונגען פון איר לעבן האָבן עס נישט דערמעגלעכט. זי האָט געהאַט א שטאַרקן, הגם נישט אַנטוויקלטן, ליטעראַרישן חוש, א ליידנשאַפטלעך געפיל פאַר גערעכטיקייט, און געקענט געוואַלדיק גערירט ווערן פון אומגליקן, גרויזאַמקייטן און נויטן, וואָס זענען אזוי דער חלק פונם מענטשלעכן מין. האָט זי דאָך אליין אזויפיל געליטן אין איר פריערן לעבן פון כלערליי גרויזאַמקייטן און אומזיכערקייטן, פון דחקות און נויט אלס פּועל־יוצא פון אָט די דאָזיקע זאַכן, און פון נישט פילן זיך צופרידנגעשטעלט אין איר אַדאָפּטירט לאַנד, וואו זי האָט זיך תמיד געפילט ווי א פרעמדע. ס'גאַנצע לעבן לאַנג איז זי געווען אַן איבערגעגעבענע ציוניסטקע, און געבענקט ביז כמעט צום סוף פון איר לעבן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט אָבער בשום אופן עפּעס נישט געקאָנט נעמען דעם שריט. איך גלויב, אז דער עיקר האָט איר געפעלט אַן אידעאַל, וועלכן זי וואָלט זיך געקענט איבערגעבן בלב ונפש. ווארום זי איז געווען אַן „אידעאַליסטקע" אין דעם אַלטפרענקישן, יידיש־אייראָפּעאישן זין; זי האָט פשוט געמוזט האָבן א זאַך, אַן אידעאַל, וואָס זאָל איבערשטייגן דאָס ריין פּערזענלעכע, דאָס מאַטעריעלע, דאָס היימלעכע, כּדי צו קענען זיך פילן גליקלעך; און אָט אזאַ איז נישט געווען בנמצא אין די באַגרענעצטע באַדינגונגען פון איר לעבן צו קענען באַפרידיקן איר בענקשאַפט. דער טאָן פון פאַרביטערטקייט, וואָס קומט אזוי בולט צום אויסדרוק אין אירע פּאָעמעס, גלויב איך, נעמט זיך טאַקע דערפון.

די פּאָעמעס אין אָט דער זאַמלונג האָט מיין מאַמע געשריבן ווען זי איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער מענטש, און זענען געווען איר הויפּט טרייסט. איך גופא, דאָס עלטסטע פון אירע קינדער, קען מיך נישט דערמאָנען אַ צייט, ווען זי האָט עס נישט געהאַט עפּעס אַ ניי ליד מיר פאַרצוּלייענען — אָדער בעסער געזאָגט צו רעציטירן פאַר מיר פון אויסנווייניק; און דאָס זעלביקע איז אמת בנוגע מיין ברידער און שוועסטער. אַלס קינדער, האָבן מיר זיי נישט גענומען זער ערנסט: זיי זענען, אַזוי צו זאָגן, געווען אַ טייל פון אונזער סביבה, אַזוי, אַז מיר האָבן זיי נישט געזעען ווי אָביעקטן, וואָס קענען האָבן אַ ווערט אָן און פאַר זיך אָדער אינטערעס. נאָר אין שפּעטערע יאָרן האָבן מיר יאָ געבעטן די מאַמע זיי צו פאַרעפנטלעכן. זי אָבער האָט בשום אופן נישט געקענט גובה זיין אין זיך אירע ספקות בנוגע די פּאָעמעס, איר צוריקגעהאַלטנקייט זיי צו אַנטפּלעקן ברבים, און איר מורא טאָמער וועט אַ רעדאַקטאָר עפּעס וועלן אָפּוואַרפן אָדער ענדערן.

ווייסנדיק אָבער ווי זער זי וואָלט זיי געוואָלט זען געדרוקט, און צוליב אונזער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט דעם זכרון פון דער מאַמען, האָבן מיר באַשלאָסן זיי צו פאַרעפנטלעכן נאָך איר טויט. עס איז נישט אונזער פאַרלאַנג צו באַגרינדן זייער אַבסאָלוטן ליטעראַרישן ווערט, וואָס בכל אופן מיר זענען ווייניק קוואַליפיצירט צו טון, ווייל דאָס לשון זייערס איז בלויז טיילווייז אונזער לשון. מיר פּרעטענדירן בלויז בנוגע זייער אינטערעס ווי אַן אויסדרוק פון די ליידן און אַספּיראַציעס פון אַ פרוי, וואָס רעפּרעזענטירט אויף אַזויפיל אופנים דעם טיפּ פון אַ יידישער פרוי אין גלות — דעם אייביקן טיפּ פון אַ רות צווישן פרעמדן קאָרן; און אַ פרוי אויך, וועמעס טאַלאַנטירטע חושים, סיי אין געפיל סיי אין אויסדרוק, קומען אונז פאַר אַזוי רעאַל, הגם אפשר נישט גאַנץ אַנטוויקלט.

אודאי, פאַר אירע קינדער איז זייער ווערט אַלס מאָנומענט פיל וויכטיקער ווי מכלומרשטער אַבסאָלוטער ליטעראַרישער ווערט; אַ לעבן, מיט וועלכן זיי זענען אַזוי אינטים געווען פאַרבונדן. איז דאָך מיין מאַמע קיינמאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך, קיינמאָל נשט אַזוי צערטלעך, קיינמאָל נשט אַזוי פאַראייַנבאַרט אָדער כמעט אַזוי וואָס שייך די ליידן אין איר לעבן און פון דער גאַנצער אונטערגעדריקטער מענטשהייט ווי ווען רעציטירנדיק איינס פון אירע געליבטע געדיכטן. דאָס נייעסטע און סאַמע לעצטע ליד אירס האָט זי אונז רעציטירט אַ נאַכט פאַר איר טויט, אַזוי שוידערלעך, מיט דריטהאַלבן יאָר צוריק; און ס'איז איר בליק אין יענער שעה, דער בליק פון געבענטשטן שלום און גליק אין אירע נאָך אַלץ ליבלעכע אויגן, וואָס איך האָב כסדר פאַר מיר איצט בעתן שרייבן אָט די נאָטיצן, איבערגעבנדיק אירע אינטימסטע פּאָעמעס דער יידיש-רעדנדיקער עפנטלעכקייט.

* פון דער הקדמה צום בוך פון רחל בערגמאַן.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאָנדאָן, א.1. 3 אַזייגער

שבת, דעם 22־טן פעברואַר, 30־טע יאָר־צייט פון הערש דוד נאָמבער.

שבת, דעם 27־טן, הומאָר אין דער יידישער ליטעראַטור

שבת, דעם 8־טן מערץ, פּורים־דערציילונגען פון י. ל. פּרץ און שלום-עליכם:

שבת, דעם 15־טן, לייענען רעציטירן, אברהם רייזענס דערציילונגען און לידער.

שבת, דעם 22־טן, רעציטיר פון דער מאָדער יידישער פּאָעזיע.

## לאָנדאָנער קולטור ידיעות

ל. ש. קרעדיטאָר האָט געהאַלטן אַ רע־פעראַט אין „רידינגרום": גלות און די תפוצות. י. ביעטש האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

• • •

עס דערשיינט אין גיכן אין לאָנדאָן, אַ באַנד לידער און משלים פון רחל בערגמאַן. מיט אַן הקדמה פון איר טאָכטער דאָרעטעאַ קרוק, דאַצענטין אין קעמבריטש.

• • •

אויף אַ קאָנצערט אין „רידינגרום" זיינען געזינגען געוואָרן לידער־קאָמפּאָזיציעס פון שלומית דאָניאַק.

• • •

די אַקטריסע, פעלא פעלד אויף איר צוריק־רייזע פון קאַנאַדע קיין ישראל ווײַלט אייניקע טעג אין לאָנדאָן.

• • •

יעקב פרנס, דער רעדאַקטער פון דער יידישער צייטונג אין בראַזיליע, וועלכער האָט פאַרבראַכט אייניקע טעג אין לאָנדאָן איז אויפגענומען געוואָרן פון „פריינט פון יידיש לשון" ביי אַ באַנקעט ווו י. פרנס האָט דערציילט פון דאָרטיקן יידישן ישוב.

• • •

די סטאַרס, פסח בורשטין, און ליליען לאַקס, וועלכע טרעטן אויף אין גרענד פּאַלעי טעאַטער נעמען גאָר שטאַרק אויס ביים עולם.

• • •

די חמישה־עשה בשבט־מסיבה ביים פריינט פון יידיש לשון — וועסטענד־בראַנזש האָט געטראָגן אַ פייערלעכן פאַר אַקטער פריינט ביילי האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

• • •

דער אַש אָוונט אין בן־אורי פערגאַנגענעם חודש אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט מיט רעפעראַטן דר. י. מייטליס און יהושע פאָדראַ האָבן צוגעצויגן אַן עולם. מיט לייענען פון אַש ווערק האָבן זיך באַטייליקט י. ביעטש און מנשה ווייסגראַז.

• • •

דאָס אַקטיאָרן־פּאָרן עלען ווינאָגראַד און סעם גאָלדבערג זיינען אויפגעטרעטן אויף צוויי וואָרט־קאָנצערטן מיט גרויס דערפאָלג.

• • •

אויפן באַנקעט לכבוד שמואל וואַייטס 50 יאָריקע ליטעראַרישע טעטיקייט איינגעאָרדנט פון „פריינט פון יידיש לשון" האָבן באַג־ריסט דעם פּאָעט און גערעדט איבער זיין שאַפן י. ביעטש, ש. י. האַרענדאָרף, יעקב פרנס, אליהו פּאַלוטאַק, מיכאל זילבערבערג, י. ל. פיין, רבקה הײשעריק, א. מייזעלס, עלען ווינאָגראַד און שלמה אויערבאַך. אייזיק גאָלדבערג און נעט רובין האָבן ציטירט וואַייטס לידער און סעם גאָלדבערג — גע־זינגען וואַייטס לידער. א. נ. שטענצל געפירט דעם פאָרזיץ.

• • •

די פאָלגנדיקע לעקציעס זיינען אָפּגעהאַלטן פערגאַנגענעם חודש אין סעמינאַר ביי „פריינט פון יידיש לשון: רחבעם עמיר, גע־נעראַל קאָנסול פון ישראל: די קולטור טעטיקייט אין ישראל; מיכאל זילבערבערג: דער משיח געדאַנק ביי די יידן אין פוילן; א. מ. קייזער: „דער דיבוק"־מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור און זיין מקור — פון תלמוד ביז אַנסקי; י. ריכטיקער: דאָס קולטור היסטאָרישע און געשיכלעכע אים תנ"ך.

• • •

אין דער לעבעדיקער צייטונג, אין אַדלער־האָל איינגעאָרדנט פון קולטור־קאָמיטעט ביים יידישן וועלט־קאָנגרעס האָבן אָנטייל־גענומען: מ. בעקערמאַן, עלען ווינאָגראַד, א. ראָלין, א. מייזעלס און י. ל. פיין. פאָרזיץ: רעוו. א. גאָטליב.

• • •

אויפן בית חיים אין בושי־פּאַרק איז אויפ־געשטעלט געוואָרן די מצבה אויפן קבר פון יאַנקל אַדלער.

• • •

עס ווערט צוגעגרייט אַגרויסע אויסשטע־לונג פון ישראל קינסטלער צום יום העצמ־אות.

## ווערט אַ מיטגליד פון „פריינט פון יידיש-לשון"

דר. חיים שאַשקעס אויף זיין דורכרייזע קיין ישראל און קיין דרום־אפריקא, ווי דער שליח פון יוו״א, וועט פערוויילן אייניקע טעג אין לאָנדאָן. עס ווערט צוגעגרייט אן אַ קבלת פנים לכבוד דעם חשובן גאַסט.

אויף דער אַקאַדעמיע לכבוד, דער 40־טער יאָרצייט פון דער באָראָכאָוו, איינגעאָרדנט פון דער נאָרד־וועסט פועלי ציון, האָבן גערעדט : יהושע פאָדראָ, דר. יעקב מייטליס און יצחק יעזיערסקי. פאָרזיץ : ל. הירש.

## סעמינאר פאר יידישע קולטור אן וויסן
## ביי פריינט פון יידיש לשון

מיטוואָך 19.2

אהרן ראָלין : די עקאָנאָמישע באַזע פון יידן אין ענגלאַנד. 2־טע לעקציע

מיטוואָך 26.2

י. ריכטיקער : דאָס קולטור היסטאָרישע און געשיכלעכע אין תנ״ך.

3־טע לעקציע

מיטוואָך 12.3

שלמה אויערבאַך : עפיק און ליריק אין תנ״ך. 3־טע לעקציע

---


אונזער טיפן מיטלייד מיט אונזער פריינט **הערש לייב קאופמאן** צום טויט פון זיין ליבע פרוי **אסתר** ע.ה.

**פריינט פון יידיש לשון**

---

אונזער טיפן מיטלייד מיט פריינט **ל. אלמאן**, פון מאַנשעסטער, צום פאַרלוסט פון זיין ליבע פרוי, **הינדע** ע.ה.

**פריינט פון יידיש לשון און לשון און לעבן**

---

„די אידישע שטימע“

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804.

---

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטיר


נומער 3־4 (העפט 9־318) נײַנצנטער יאָרגאַנג מערץ־אַפּריל 1958 לאָנדאָן


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט :


חג העשור געזאַנג, דעם פּרעמיער פון ישראל דוד בן גוריון צום שנת העשור, „כימי צאתך מארץ מצרים“, צען יאָר מדינת ישראל ** 1
דער באַשעפער (ליד צום 19־טן אַפּריל) אברהם פנחס ציקערט 7
לייד אין גאולה (עסיי) דר. יעקב י. מייטליס 8
מרור זה (ליד) יוסף הלל לעווי 11
טוביה שרייבט צו שלום עליכם (פסח־הומאָרעסקע) א. מייזעלס 12
פסח־צייט (דערמאָנונג־וואַריאַציעס) און צייט לידער א. נ. שטענצל 16
צוויי פסח־מאָט־ון (סקיצן) רחל מירסקי 20
באַלאַדע פון צוויי בריוו (ליד) ברכה קאָפּשטיין 22
איין ציקעלע פאַר צוויי גילדוין (דערציילונג, המשך) וואָלף מאַנקעוויטש 24
מיין ווונטש (ליד) עלי זילבערג 30
משה שמיר און זיין „מלך בשר ודם“ (עסיי) שלמה אויערבאַך 31
דער אַמבאַסאַדאָר פון העברעאישן וואָרט (צום יובל השבעים פון דניאל פערסקי) (עסיי) י. ביאַלסקי 36
ס איז קיינמאָל נישט צו שפּעט (עס״י) אליהו פאַלושאק 39
„יידן און די נאַציאָנאַלע פראַגע“ (רעצעזיע איבער פּראָפעסאָר לעוויס בוך) ס. לעף 43
דער אינטערוויו אויף דער טעלעוויזשן צו אונזער רעזאָלוציע מכח יידיש אין מדינת ישראל ש. 46
לאָנדאָנער קולטור ידיעות 48
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָג 48



פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings, Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*